ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# רמב"ם

אידיש

**622**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

דער

# רמב"ם

## זיין לעבענס בעשרייבונג.
## זיינע ספרים און זיין ווירקונג
## אויף דעם אידישען נאציאן.

איבערגעזעצט פון זיבערע קוועלען

על ידי הרב המפורסם ר' יודל ראזענבערג.
דער טארלער רב וואס וואהנט היינט אין לאדז

### חלק שני

פערלאג פון ר' אהרן צייליגגאלד
סקלאד ספרים, ווארשא נאלעווקי .32 №

ווארשא

שנת תרע"ג לפ"ק

# א.

## די געבורטסהיים פון רמב״ם — דעם רמב״ם׳ס יוגענד. — אויסוואנדערונג אין אפריקא. פירושים אויף דער גמרא און משניות. — „מאמר העבורי“ און „אגרת השמדי“. — דאס אנטלויפען פון אפריקא. — ארץ ישראל און מצרים.

רבנו משה בן מיימון איז געבארען אין „קארדאווא“. 14 טאג אין חדש ניסן, 895 יאהר אין אלף החמישי לבריאת העולם. זיין פאטער רב מיימון האט געשטאמט פון גרויסען יחוס: זיינע עלטערען און עלטער־עלטערען, ביז אכט דורות, זיינען געוועזן רבנים און דיינים אין קארדאווא, און זייער יחוס האט זיך געצויגען ביז „רבינו הקדוש“, דער מחבר פון משניות, — רב מיימון איז אויך געוועזן רב אין קארדאווא, און אויסער זיין למדנות איז ער געוועזן זעהר געבילדעט, געקענט גוט מאטעמאטיק, געהאט א שטארקע ידיעה און אסטראנאמיע (תבונה). און האט געשריבען פיעל טייערע ספרים. ער האט זיין זוהן ערצויגען אויף זיין שטייגער, געלערנט איהם תנ״ך, גמרא און וועלטליכע קענטניס; און דער פעהיגער זוהן האט אלעס געשלונגען מיט גרויס חשק. א חוץ דעם האט ער געלערנט נאך ביי אנדערע לעהרער פונ׳ם פאטער. ביי אראבישע געבילדעטע לייט, און שטודירט נאטור־וויסענשאפט, (חכמת הטבע). דאקטאריע און אראבישע פילאזאפיע; און אלט וואס ער האט געלערנט האט ער געקענט ביז אין תוך אריין, הגם ער איז געוועזן זעהר יונג; א יונגעל פון א בר־מצוה, נישט מעהר. די נאטור האט איהם געשענקט וואונדערליכע פעהיגקייט, אלע האבען איהם בעוואונדערט. אלע האבען געזאגט, אז פון דעם יונגעל וועט ארויס וואקסען א גאון־עולם — און אזוי איז טאקע געוועזן:

די מעשה איז בעוואוסט און זי ווערט געבראכט אין די פערציי־שע ספרים, אז רב מיימון דעם רמב״ם׳ס פאטער האט בדעה געהאט נישט חתונה צו האבען. ווען ער איז שוין געווען אין די מיטעל יאהרען איז עהם געקומען עפעס אן אלטער יוד צו חלום, אז ער זאל חתונה האבען

האָבען מיט אַ קצב׳ס אַ טאָכטער, וועלכער האָט געוואָהנט אין אַ שטעדטעל נעבען קאָרדאָווא. רב מיימון האָט זיך פון דעם חלום נאָר אויסגעלאַכט און האָט אויף עם נאָר ניט געקוקט. אָבער דער אַלטער יוד וואָס איז עם געקומען צו חלום האָט עם ניט אָבגעלאָזט, נאָר ער איז אַלע מאָל מעהר און עפטער עם געקומען זאָגען דעם חלום. ביז רב מיימון האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז ניט קיין נאַרישקייט, האָט ער זיך מיישב געווען און איז געפאָהרען אין דעם שטעדטעל אַריין, ווי דער קצב האָט געוואָהנט און האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער. זי איז באַלד פון עהם טראָגען געוואָרען, און ווען זי האָט געבאָהרען דעם רמב״ם איז זי געווען אַ מקשה לילד, און נאָכ׳ן האָבען דאָס קינד איז זי געשטאָרבען. רב מיימון האָט ניט געקריגען אַזוי גיך קיין אידישע אם צו זייגען דאָס קינד, האָט ער דערוויַיל צו גענומען אַן אם פון אַנ׳אַנדער פאָלק. דאָס קינד האָט געזויגען ביי די אם ביז צום מל זיין, דערנאָך האָט שוין דאָס קינד ניט געוואָלט זייגען ביי דער אם, האָט מען צוגענומען צו דעם קינד אַ אידישער אם.

רב מיימון האָט דערנאָך חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ וויַיב אַ גרויסע מיוחסת, מיט וועלכע ער האָט געהאַט עטליכע קינדער. אַז דער רמב״ם מיט די קינדער וואָס רב מיימון האָט געהאַט פון אַנדערען וויַיב זענען גרויס געוואָרען, האָט זיך אַרויס געוויזען אַז דער רמב״ם האָט געהאַט זעהר אַ פערשטאָפטען קאָפּ, און ער האָט בשום אופן גאָר ניט געקאָנט מקבל זיין וואָס מען האָט מיט עם געלערענט. דער פאָטער מיט די ברידערלעך האָבען עם פיינד געהאַט, פלעגען עם שלאָגען און שריַיען אויף עהם „קצב־יונג״. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַז דער רמב״ם האָט זיך די זאַך זעהר צום האַרצען גענומען, איז ער ברוגז געוואָרען און האָט זיך בעהאַלטען אויף דער וויַיבערשע שוהל און ער האָט דאָרט זעהר געוויינט אויף זיינע צרות און אויף זיין גרויסע בושה, ביז ער איז פון געוויין ענטשלאָפען געוואָרען. האָט זיך עם געחלומ׳ט אַז עפּעס אַן אַלטער גריַיז־גראָהער יוד איז צו עם געקומען, און האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ האַרץ, האָט דער גריַיז־גראָהער יוד צום רמב״ם אַזוי געזאָגט: „זעה מיין קינד! דיינע טרערען זענען אָנגענומען געוואָרען פאַר גאָט ברוך הוא, בין איך געשיקט געוואָרען צו דיר אַרויסצונעמען פון דיר דעם לב האבן דאָס שטיינערען האַרץ, און אַריין צו זעצען אין דיר דאָס האַרץ, וואָס איז אַ לב בשר״. ווען דער רמב״ם איז אויפגעקומען

פון

פון שלאָף האָט ער שוין זיך געשפירט אַז ער איז אַן אַנדערער מענש. נאָך דעם איז באַלד דער רמב"ם ענטלאָפען פון זיין פאָטער אין דער שטאָדט אַריין, ווי עס האָט געוואָהנט דער גרויסען גאון הרב ר' יוסף ן' מיגאַש, וועלכער האָט דעם רמב"ם זעהר שטאַרק מקרב געוועזען און האָט מיט עם געלערענט תורה אַ לאַנגע צייט. דערנאָך איז דער רמב"ם צוריק געקומען קיין קאָרדאָווא, אָבער ער איז נישט באַלד אַריין צו זיין פאָטער. נאָר שבת האָט דער רמב"ם געזאָגט אַ דרשה אין שוהל. אויף דער דרשה האָבען זיך אַלע לומדים שטאַרק געווינדערט. מען איז באַלד געוואָהר געוואָרען ווער דאָס ווינדערליכע יונגעל איז, דאַן זענען דער פאָטער רב מיימון מיט די אַנדערע קינדער אויף עם אַרויפגעפאַלען און האָבען עם געקושט. ביי וועלכען זיי האָבען עם שטאַרק מפייס געוועזען און האָבען עם אַהיים געפיהרט צו זיך בכבוד גדול און מיט גרוים ליכשאַפט.

די יונגע יאָהרען איז דער גן-עדן פון אונזער לעבען: דאָס יונגע קינד לעבט פריי פון זאָרגען, שוועבט ווי אַ פרייער פויגעל אין גאָטס ליכטיגער וועלט, און פיהלט ניט די צרות פוג'ם לעבען, די שלעכטקייט. די פערדאָרבענהייט פון די מענשען. רבנו משה האָט פון דעם גן-עדן ניט פאַרזוכט; ער האָט שוין גאַנץ פריה דערקענט דאָס לעבען מיט די מענשען. און האָט געטרונקען פון דעם בעכער וואָס זיין גאַנץ פאָרק טרינקט שוין טויזענדער יאָהר. אַ קינד פון דרייצעהן יאָהר און האָט שוין געמוזט שלעפען אויף זיינע פלייצעס דאָס שווערע פעקעל פון צרות פאַר דער אמונה, רדיפות — פאַר'ן יודישקייט!

דיזע צייט האָט אָנגעהויבען אין'ם יאָהר 4908 דאַמאָלס זענען די אַראַבער „אַלמאָהאַדען" בעפאַלען און איינגענומען די שטאָדט קאָרדאָוואַ און גוזר געוועזען אויף אַלע איינוואָהנער, יודען און קריסטען, זיי זאָלען אָננעהמען דעם איסלאַם, אָדער אַרויסוואַנדער'ן פון דאָרט, אַז ניט — דער טויט! דאָס גרעסטע טהייל פון דער יודישער קהלה איז אַרוים פון קאָרדאָוואַ און זיך געלאָזט געהן וואוהין די אויגען טראָגען. צווישען די וואַנדערער האָט זיך געפונען רב מיימון מיט זיין דרייצעהן-יאָהריגען זוהן רבנו משה. און הונגער און נויט ליידענד זיי אָנגעקומען אין דער שטאָדט אַלמעריאַ ביי'ם ים, וואָס דאָרט האָבען געהערשט קריסטען; אָבער ניט לאַנג האָבען זיי דאָרט געקענט בלייבען אין'ם יאָהר 4911 האָבען די אַלמאָהאַדען אַנגעשפאַרט ביז אַהין אין דער פאַנאַטישער סולטאַן אַבדעל-מומען האָט די יודען ניט געלאָזט בלייבען ביי זייער רעליגיע. רב מיימון

האָט

האט ווייטער געטווט געהטען דעם שטעקען אין האנד און געהן וואנדערן מיט דער גאנצער פאמיליע, זיין הויז געזונר, לעבען און צרות און שרעק און ניט געפונען ערגעץ קיין מנוחה. דאס ביטערע לעבען האט דאך רבנו משה'ן ניט געשטערט ער זאל זיך ווייטער לערנען און בילדען. ער האט געזוכט יעדע זאך גרונדליך אויספארשען און פארשטעהען. סיי וואס ער זעהט מיט די אויגען, און סיי וואס ער בעגרייפט נור מיט'ן שכל. ער האט ניט געקענט ליידען קיין סודות פארבארגעניש, ער האט געשטרעבט, זיך אלעס העל און דייטליך צו דערקלעהרען. זיין ראנישער פערשטאנד האט ליעב געהאט א סדר. אנ'ארדנונג אין אלעס. און ווען ער האט זיך פארטיעפט אין די שווערסטע חקירות האט איהם זיין לויטערער שכל ניט געלאזט פערבלאנדזשען. און ער האט בעלייכט אלע פינסטערע ווינקעלעך.

אין דעם רמב״ם האבען זיך פעראייניגט פיעל וויסענשאפט, לויטערע פערשטאנד, ישוב הדעת און ענערגיע. פרום איז ער געווען ווי דער גרעסטער צדיק, פון אזעלכעס וואס זעהט אויס ווי נארישקייטען, האט ער נישט געהאלטען, נישט געגלויבט בלינד, נאר אלעס בעטראכט מיט אפענע אויגען, אלעס זיך ערקלערט לויטער, העל און שעהן. מיט זיין פרומקייט האט זיך געפאערט זעלטענע גוטסקייט: זיינע מדות טובות, זיין זעעלע האט געשטרעבט נור צום גוטען, צו אלעס וואס איז שעהן און ערעל אין מאכט דעם מענשען עהנליך מיט זיין פיהרעכץ צו די מדות וואס דער אויבערשטער ווערט מיט זיי בעריהמט. גרעסטע פרומקייט, העכסטע חכמה און שעהנסטע מדות האבען זיך אין איהם ווי צונויפגעשמאלצען, אין פילאזאפיע איז ער געווען איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט; אין פרומקייט און זיטליכקייט האט ער געהאט ווענינ זיין גלייכען, און מיט זיין חאראקטער האט ער אלע איבער געשטיינען;

דער רמב״ם האט געהאט זעהר איין ערנסטע חאראקטער: דאס לעבען האט ער נישט בעטראכט פאר א געלעגענהייט צו געניסען פון וועלטליכע פארגנוגען, נאר צו טהון ערעלע מעשים, און אויסווייזען, אז דער מענש איז גאטס עבענבילד (בצלם אלהים), ער האט פיינד געהאט אלעס וואס נידריג, וואס פארשטעלט, וואס בלישצעט אהן א אינערליכען ווערטה; דארום פלעגט ער זיך נישט פארגעסען מיט פאעזיע, און זי האט אין זיינע אויגען קיין שום ווערטה געהאט, ווייל זי איז געבויעט אויף פוסטע פאנטאזיע, אויף ליגען, ווי מען פלעגט דאמאלס זאגען: „דאס בעסטע פון א שיר איז — ליגען״ (מיטב השיר כזבו) צו וואס זאל מען

פארברענגען

פארברענגען די פריערע ציים אויף א זאך וואס האט קיין ווערטה נישט! —

און ווי גוט, ווי זאנפט, ווי קליין איז ער געווען ביי זיך! פון זיין מויל האט זיך קיין מאל נישט ארויסגעהאפט א הארב ווארט געגען די וואס האבען אויף איהם געקריגט. ער האט קריטיקירט די פאלשע עדות, קרומע גערדאנקען און פאלשע ווערטער; אבער די מענשען וואס האבען ארויס געזאגט יענע עדות און געדאנקען האט ער בעהאנדעלט עדעל און פיין, אפילו ווען זיי האבען איהם שטארק אנגעריהרט אדער בעליידיגט, ער איז געווען א זעלטענער ענו. און זיין גאלדען מויל האט גאר נישט געקענט ארויסרעדען א שלעכט ווארט אפילו אויף דעם קלענסטען מענשען און דעם גרעסטען שונא.

צו די אלע זעלטענע מעלות איז צוגעקומען זיין ענערגיע, זיין שטארקער ווילען צו אויספיהרען און אויסווייזען אלעס וואס ער האט אויס־געפארשט און ערקענט, אז דאס איז גוט און אמת. צרות, יסורים און אלערליי פארדריסליכקייטען האבען איהם נישט געקאנט אראבפיהרען פון דעם וועג, אויף וועלכען ער איז געגאנגען מיט פעסטע טריט צו זיין ציעל. און זיין ציעל איז געווען: אויסקשאפען פון יודען אלע אבערגלויבע־רייען, אלע נארישקייטען, און שטעלען דאס גאנצע יודישקייט, די גאנצע יודישע רעליגיע. אלע מצות פון דער ביבעל (תנ״ך) און פון גמרא, אלע יודישע מנהגים און די יסודות (פונדאמענטען) פון דער יודישער אמונה, דאס אלעס שטעלען אין אזא ליכט, אז די גאנצע וועלט און די גרעסטע חכמים זאלען זעהען ווי אמת און ריכטיג זיי זיינען! —

מיר האבען אויבען בעמערקט, אז רבנו משה האט געלערנט אלע וויסענשאפטען פון זיין צייט; גאר בעזונדער האט ער זיך איבערגעגעבען פיער זאכען: אויספארשען גרונדליך די ביבעל און די תלמודישע ליטע־ראטור, שטודירען פילאזאפיע, אסטראנאמיע (שטערען־וועהעריי) און דאק־טאריע. נאך אין זיין פריהסטער יוגענד האט ער געשריבען פירושים אויף ש״ס, פון זיי איז אונז געבליבען זיין פירוש אויף דער גמרא „ראש השנה״; די איבריגע זענען פארלארען געווארען.

אז ער איז אלט געווען דריי און צוואנציג יאהר האט איהם איינער פון די געבילדעטע לייט געבעטען, ער זאל איהם שרייבען אס״ר ווי אזוי מען רעכענט די חדשים, און ווי מען קען וויסען ווען צו מאכען אן עבור יאהר. רבנו משה האט איהם אויפגעשריבען א קליין ווערקעל „מאמר העבור״

העבורי אינ'ם יאהר 4918. דאס ספר'ל איז קליין, פיעל נייעס איז אין איהם נישט דא, יעדאך זעהט מען אין איהם ווי אין א שפיגעל וואס פאר א ליכטיגען קאפ דער רמב"ם האט שוין דאמאלס געהאט, ווי טיעף און גרונדליך ער פארשטעהט יעדע זאך, ווי לאגיש ער דענקט און וואס פאר א שטארקען כח ער האט צו מסביר זיין דעם צווייטען זיינע געדאנקען.

אין דעם זעלבען יאהר האט ער אנגעהויבען שרייבען א ריזען ווערק, זיין פירוש אויף משניות, אזא ערנסטע, אזא שווערע ארבייט פאר א יונגען מאן פון 23 יאהר! — די יאהרען ווען יונגע לייט לערנען נאך אין די שולע אדער זיי געניסען פונ'ם לעבען — און צו דעם איז ער שטענדיג געווען געפלאגט פון צרות און נויט, געווען נע־ונד, וואו געטאגט נישט גענעכטיגט, און ספרים צו דער ארבייט האט ער אויך נישט געהאט. זיין גאנצע הילף איז געווען דער זכרון אין וועלכען זענען געלעגען ווי אין אנ'אוצר ספרים פון אלע גאונים.

אין יענער צייט האט זיין פאטער, רב מיימון איינגעזעהען, אז אין שפאניען וועט ער קיין רוה נישט געפינען, מען יאגט דארט די יודען אהן אויפהער, האט ער זיך מישב געווען און איז מיט זיין גאנצער פאמיליע אוועק אין אפריקא, אין דער שטאדט פעץ. דאס איז געווען בערך אינ'ם יאהר 4919. וואס איז איהם דוקא געפעלען אפריקא, וואו יודען האבען דאמאלס אויך געלעבט אין גרויסער נויט? — נאר זיין נסיעה אהין האט געהאט זעהר א גרויסען ציעל; ער איז בכיון געפאהרען אהין, צו טהון עטוואס פאר דער יודישער רעליגיע, וואס האט דארט געהאלטען זעהר שמאל. דער כליף (הערשער) אבדולמומען האט גוזר געווען, אז אלע יודען פון צפון אפריקא זאלען אננעהמען דעם איסלאם. גלייך ווי די שפאנישע יודען, זיי זאלען גלויבען, אז מחמד איז געווען א נביא און געהען בעטען אין די מאשעען (מוסולימאנישע געבעט הייזער). דורך דער גזירה זיינען אלע יודישע שוהלען אין מאראקא געווארען פארשלאסען, אלע ישיבות — וויסט. דאך זענען די יודען געבליבען פארבארגען געטריי זייער רעליגיע, און האבען אפנעהיט אלע מנהגים און מצות ווען קיינער האט נישט געזעהען. אזוי האט געדויערט א יאהר צעהן, ביז דער המון־עם האט זיך צוגעוואהנט צו דעם איסלאם און אנגעהויבען זיין מסופק אין זייער יודישער רעליגיע; עס האט נישט פיעל געפעהלט זיי זאלען פארגעסען די גאנצע יודישע אמונה און בלייבען אין איסלאם. רב מיימון האט דאס דערהערט, האט ער זיך פארגענומען, העלפען יענע ארימע אראפגעפאלענע

געפאלענע

געפאלענע ברידער. שטארקען זייער בטחון און אונטערפרישען זייער האפ-
נונג; דארום איז ער אהין געגאנגען, און דארט האט ער באלד ארויסגע-
געבען א „טרייסט בריף״ (אגרת הנחמה) צו די אפריקאנער יודען אינ׳ם
יאהר 4920. ער האט דעם בריף געשריבען אראביש, און האט צושיקט
קאפיען אין אלע יודישע שטעדט, כדי יעדער יוד זאל לעזען און פאר-
שטעהען און בלייבען פעסט ביי זיין רעליגיע.

אויך רבנו משה זיין זוהן האט באלד געהאט די געלעגענהייט,
ארויסטרעטען צום ערשטען מאל אויף דעם קריעג-פלאטץ און ארויסווייזען
זיין גבורה אין תורה, זיין ליעבשאפט צו יודישקייט און זיין בליק אין
אמונה.

א יודישער למדן, וואס איז געווען זעהר פאנאטיש (ווי ער הייסט
ווייסען מיר נישט). האט דאמאלס ארויסגעגעבען א ספר, אין וועלכען ער
שרייבט, אז די יודען וואס האלטען דעם איסלאם זיינען על פי דין גלייך
צו געצענדינער. דער יוד וואס זאגט אפען, אז מחמר איז א נביא, הגם
שטילערהייט היט ער אפ די גאנצע יודישקייט — איז נישט קיין יוד און
איז פסול לעדות פאר א בית-דין; ווער עס געהט אין א מחמדניש געבעט-
הויז לייקענט אין גאט, און אז ער קומט נאכדעם א היים און דאווענט —
טהוט ער נאך א צווייטע עבירה. — נאך זיין מיינונג, דארף דער יוד
מיט זיין גאנצער פאמיליע זיך לאזען אומברענגען, מוסר נפש זיין און
נישט אננעהמען דעם איסלאם, אפילו נאר לפנים; ווייל די מחמדנישע
רעליגיע איז געצענדינסט, און אויסער דעם דארף דער יוד נישט גלויבען
אין מחמד, וועלכער האט אויסגעהרג׳ט 25 טויזענד יודען אין אראביען
און אויסגעלאשען זייער לעצט ליכטעל.

דיעזע פייעריגע ווערטער האבען געמאכט א שטארקען גערודער ביי
די אפריקאנישע יודען: די פרומע האבען זיך שטארק דערשראקען — „זיי
זיינען גאר געצענדינער, האבען קיין חלק לעולם הבא!״ און דער המון,
וואס איז ממילא נישט געווען שטארק צוגעבונדען צו דעם יודישקייט איז
נאך מעהר שוואך געווארען אין זיין אמונה און האבען געטראכט: „אזוי
צו אזוי זיינען מיר שוין נישט קיין יודען, לאמיר שוין גאר אין גאנצען
ווערען מחמדנער!״

רבנו משה האט געזעהן וויפיעל דאס יודישקייט קאן ליידען דורך
יעטעם פאנאטיקער, איז ער ארויס געגען איהם מיט א ספר׳ל „אגרת
השמד״, געשריבען אין אראביש. דער רמב״ם איז דאמאלס אלט געווען

25 יאָהר, דאָרט האָט ער אויפגעוויזען פון גמרא און פיעל ספרים אז די יודען וואָס זיינען געצוואונגען צו טראָגען די מחמדאנישע מאַסקע הערען נישט אויף צו זיין יודען, ווען אין הארצען גלויבען זיי אין גאָט און תורת משה; א יוד ווען ער זינדיגט אפילו געגען יודישקייט איז נאָך אַלץ א יוד, און בפרט ווען ער איז געצוואונגען צו דעם. די יודען וואָס האָבען געדינט אָבגעטער אין דער צייט פון די נביאים, האָבען זיך אַלץ גערעכענט ווי גלידער פון גאָטס פאָלק, מיר אָבער — זאָגט דער רמב״ם — מיר זיינען קיין געצענדינער, מיר דערמאָנען מחמד׳ן נור אום ניצול צו ווערען פון די רדיפות פון דעם פאַנאַטישען כליף. די מחמדאַנער בכלל זיינען נישט קיין געצענדינער: זיי גלויבען אין א איינציגען גאָט, זיי פערלאַנגען נור פון אונז, מיר זאָלען זאָגען, אז מחמד איז געווען א נביא; ווייטער קאָנען מיר זיך אויפפיהרען ווי יודען, פאַר דעם דאַרפען מיר זיך נישט מוסר נפש זיין״, א. ז. וו.

דעם רמב״ם׳ס ווערטער זיינען געווען ווי באַלזאַם אויף די פאַרוואונדעטע הערצער פון זיינע אָרימע ברידער. און נישט מיט דער פעדער אַליין, נאָר מיט ווערטער און מיט אַלע מעגליכקייט האָט ער זיך בעמיהט צו שטאַרקען די יודען און זיי אויפמונטערען, זיך האַלטען פעסט אָן זייער רעליגיע. דורך דעם איז ער אַריינגעפאַלען אין א גרויסער סכנה: די רעגירונג האָט איהם געוואָלט אומברענגען.

די פאַמיליע מימון האָט געזעהען זיך צו ראַטעווען, און אין א פינסטערע נאַכט זיינען זיי אַלע אַנטלאָפען פון אַפריקאַ אין׳ם יאָהר 4925 האָבען זיך געזעצט אין א שיף צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל.

זעקס טאָג זיינען זיי געפאָהרען בשלום. נאָר אויפ׳ן זיבעטען טאָג איז געוואָרען א שטורעמווינד, און די שיף האָט געהאַלטען פיעל מאָל ביי׳ם אונטערגעהן. רבנו משה האָט א נדר געטהאָן, אז ווען גאָט וועט איהם מציל זיין וועט ער פאַסטען אַלע יאָהר אין דעם 4־טען און 10־טען אייר. און גאָט האָט זיי גערעטעט. דעם 3־טען סיון זיינען זיי געקומען בשלום צום ברעג עכו, און דעם טאָג האָבען זיי געמאַכט אויף שטענדיג פאַר א יום טוב.

א האַלב יאָהר זיינען זיי געזעסען אין עכו, און אין׳ם 4־טען חשון 926 אין אלף החמישי זיינען זיי אַוועק אין ירושלים. דריי טעג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אויף די אַלע הייליגע ערטער, זיך אויסגעוויינט אויף די

הייליגע

הײליגע קברים. נאָכדעם איז רבנו משה אװעקגעפאָהרען מיט דער פאַמיליע אין מצרים.

---

# ב.

## רב מימון און רב דוד׳ס טויט — דער רמב״ם ווערט דאָקטאָר. — ענדיגט זיין פירוש אויף משניות. — „אגרת תימן״. — „יד החזקה״. — ספר המצות. — זיין שטאַנד און ווירקונג ביז דעם יאָהר 4918.

קומענדיג אין מצרים האָט זיך די פאַמיליע מימון בעזעצט אין דער שטאָדט „אַלט־קאַירא״ (פאָסטאַט). עטליכע חדשים שפּעטער איז רב מימון געשטאָרבען (אנפאַנג 4927) און פיעל יודישע קהלות פון שפּאַניען און אפּ־ריקא האָבען געשיקט רבנו משה׳ן טראָסט בריף אין זיין אומגליק.

טרויעריג אָבער רוהיג האָט נאָכדעם געלעבט די פאַמיליע: זי האָט געהאַנדעלט מיט טײַערע שטײנער, ברילאַנטען, דאָס געשעפט האָט גע־פיהרט דער יונגערער ברודער ר׳ דוד, און פלעגט מאַכען נסיעות ביז אינדיען, און רבנו משה איז געזעסען אין דער היים און זיך פאַרטיעפט אין תורה און וויסענשאַפט. נאָר ניט לאַנג האָט ער געקענט אַזוי אָבגעזונ־דערט לעבען: נײַע צרות און זאָרגען האָבען איהם אַרויסגעריסען פון זײַן שטילער וועלט, און פאַרשטערט זײַן רוה: דער ברודער ר׳ דוד איז דערטרונקען געוואָרען אויף דעם אינדישען ים, און מיט איהם איז אַרײַן אין תהום זײַער בײַדענס פאַרמעגען. און אויך פרעמד געלט, וואָס מ׳האָט איהם געגעבען פוהרען דאָס געשעפט. ווי אַ דונער האָט דאָס געטראָפען דעם רמב״ם, פון גרויס האַרצוועהטיג איז ער קראַנק געוואָרען און איז אַ קײַלעכדיג יאָהר געוועזען אויס מענש.

און איין צרה רופט די אַנדערע. אין דער אייגענער צײַט האָט ער אויף זיך געהאַט גרויסע מסירות. אַז ער רעדט אָפּ די יודען פון דער מחמדאַנישער רעליגיע, און ניט פיעל האָט געפעהלט מען זאָל איהם אומברענגען, — און צו דעם האָט ער געהאַט דאגת פרנסה: פאַר זיך, און פאַר דעם ברודערס אלמנה מיט אַ יתומה — אין אַ פרעמד לאַנד?

עס איז לײַכט זיך פאַרצושטעלן, אין װעלכער לאַגע דער רמב״ם האָט זיך דעמאָלט געפונען.

נאָר זײַן שטאַרקער בטחון אויף גאָט האָט איהם ניט געלאָזט װערען אָבהענגיג, באַלד האָט זיך אין איהם אויפגעװעקט זײַן ענערגיע, און ער האָט גענומען אַרומזעהען, װי צו קריגען פּרנסה. אַ צײַט איז איהם צו נוטץ געקומען די דאָקטאָריע װאָס ער האָט געקענט. ער האָט אָנגעהויבען הײַלען קראַנקע און האָט געהאַט פון דעם זײַן חיונה בצמצום, װײַל ער איז נאָך ניט געװען בעקאַנט און האָט זעהר װעניג פּראַקטיק געהאַט.

ער האָט זיך אָבער געלאָזט בענוגען מיט װעניג, און זײַן גאַנצען כח האָט ער דעמאָלט אַרײַנגעלעגט אין זײַן פּירוש אויף משניות װעלכען ער האָט אָנגעהויבען שרײַבען, װען ער איז אַלט געװען 23 יאָהר. יעצט האָט ער אין איהם פלײַסיג געאַרבײַט, און אין׳ם יאָהר 4930 האָט ער איהם געענדיגט.

דער פּירוש איז געשריבען אין דער אַראַבישער שפּראַכע װײַל דאָס רוב יודען אין שפּאַניען, מצרים, און גאַנץ אַפריקאַ האָבען דעמאָלט גערעדט אַראַביש, און ער האָט געװאָלט, אַז יעדער יוד זאָל פאַרשטעהן אפילו דער װאָס קען קײַן גמרא.

זײַן פּירוש הײַסט „אַל־סיראַג“, ד. ה. דער בעלײַכטער, און ער בעלײַכט טאַקע די אויגען פון די װאָס לערנען אין איהם. ערשטענס ערקלערט ער יעדע משנה קורץ און דײַטליך, לאַניש און מיט אַ סדר, אַזױ װי ער האָט ליעב. צװײַטענס פיהרט ער אויס נאָך יעדער משנה דאָס רעזולטאַט: דעם דין װאָס שטאַמט פון איהר אַרויס. דריטענס מאַכט ער לײַכטער צו פאַרשטעהן די גמרא. װעלכע איז דאָך אויך נור אַ פּירוש אויף דער משנה.

פיערטענס בעשטרעבט ער אין יעדען אָרט, צו מאַכען אויפמערקזאַם אויף מאוסע מדות און פאַלשע געדאַנקען, װאָס ער האָט געזעהן בײַ זײַנע ברידער. למשל: אין אײן אָרט זאָגט ער, אַז די מענשען װאָס גלויבען אין קמיעות און סגולות זײַנען משוגעים, אין אַנ׳אַנדער אָרט קריטיקירט ער די טיטלען װאָס מען שרײַבט אויף מענשען. דאָס קלײַנסטע רבי׳לע אָדער אַ פּראָסטער מלמד האָט אַ טיטול „גאון“! נאָך אין אַנ׳אָרט שטראָפט ער די, װאָס מאַכען די תורה פאַר אַ פּרנסה, אָדער זײ זאָגען: „איך בין אַ שעהנער יוד, האַלט מיך אויס!“.

דער רמב״ם ערקלערט די משנה פיעל מאָהל מיט הילף פון װעלטליכע

חכמות

חכמות, מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, פיזיק, אנאטאמיע, באטאניק, עטהיק, (חכמת המוסר) און פילאזאפיע.

אינ'ם יאהר 4932 איז דער גוטער סאלאדין געווארען רעגירער אין מצרים, צו איהם האט געקעהרט א טהייל פלשתינא, סוריא, בגדד מיט אלע לענדער ביי'ם טייך פרת. יודען האבען ביי איהם שפעטער געהאט רוה, נור אנפאנגס זיינען אויף טהייל ערטער געווען מרידות, ווי למשל: אין דרום אראביען (תימן, יעמען), צוויי מוזעלמאנער האבען דארט רעגירט און האבען געצוואונגען די יודען אדער מחמדאנער אדער גיטייט צו ווערען; זיי האבען געטהון דאס זעלבע וואס אין אפריקא און דרום שפאניען; זיי האבען לפנים געגלייבט אין מחמד, און בסוד געבליבען יודען.

עס זענען אבער פיעל עם־הארצים געוועזען, און זיי איז זעהר לייכט געוועזען צו פערגעסען דאס יודישקייט. פון וועלכען זיי האבען א גאנץ קליי־נעם בעגריף, בפרט אז עס האט זיך נאך געפונען איינער, וואס איז ארומגעגאנגען און געדרשה'ט פאר זיי, אז מחמד איז טאקע איין אמת'ר נביא, ער שטעהט דערמאנט אין דער תורה. און גאט האט איהם געשיקט איבערבייטען די רעליגיע פון בארג סיני אויף דער רעליגיע פון מעקקא. — דערצו איז א משוגענער, צו א בעטריגער, ארומגעפאהרען, און געזאגט אז גאט האט איהם געשיקט אנזאגען, אז באלד קומט דער גואל, אז די צרות זענען חבלי משיח, זאל יעדערער צוטהיילען זיין פארמעגען ארימע לייט און זיין בערייט מקבל־פנים זיין משיח'ן. די געבילדעטע לייט האבען איינגעזעהן, אז דורך דעם פאלשען נביא קענען יודען אריינפאלען אין א גרויס אומגליק, האבען זיי געשיקט א בריף צום רמב"ם, ער זאל זיי אנ'עצה געבען ווי צו העלפען זיך. דער רמב"ם האט זיי געענטפערט מיט זיין בעריהמטען בריף „אגרת תימן". ערשטענס טרייסט ער זיי, אז ניט ווייל גאט האט זיי אוועק געווארפען שיקט ער אויף זיי אזעלכע צרות, נור פארקעהרט, ווייל ער ליעבט זיי. ווייטער זאגט ער: די פעלקער וועלכע האסען און דריקען אונז, טהוען עס ניט ווייל מיר זיינען פערדאר־בענע מענשען; זיי קענען גאנץ גוט אונזערע מעלות, אונזער עהרליכקייט און מדות, נור זיי זיינען אונז מקנא, ווייל מיר זענען קלוג, און פעהיג, ווייל מיר האבען אזא ריינע רעליגיע און טראגען די אידעע פון אמת, זייער מיה איז אבער אומזונסט: גאט וועט זיין פאלק ניט פארלאזען, צייט מיר האבען מקבל געווען די תורה שטעהען אויף אויף אונז שונאים,

די מיטן שווערט, די מיט דער פערער, מיט גזרות — זיי ווילען אונז אונטערדריקען, ערטטיקען. נור גאט לאכט פון זיי, ער רעטעט זיין פאלק צו אלע צייטען. —

די אלע צרות וואס מיר ליידען האבען פאר־אויס געזעהען אונזערע נביאים, און זיי האבען געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט ווען די אמת וועט מנצח זיין און יורען וועלען געהאלפען ווערען! —

ווייטער רעדט דער רמב״ם איבער אונזער אמונה און די וועלט רעליגיאנען בכלל. דער נאך ווייזט ער אויס מיט ראיות בהגרות, אז דער נביא איז א פאלשער, אז קיינער קען נישט וויסען בעשטימט ווען משיח דארף קומען; אז אפילו די נביאים האבען דאס נישט געוואוסט, אז שטענדיג ווען עס האט זיך אין גלות געוויזען א פאלשער משיח האט ער יודען געבראכט נאר צרות און אומגליק. צום סוף בעט ער די יודען פון תימן, זיי זאלען זיך היטען, די מוזעלמאנער זאלען זיך נישט דערוויסען פון דעם בריף עס זאל דורך דעם נישט ארויסקומען קיין בייז, „איך אליין, איך שרייב דען בריף מיט מורא, נאר וואו עס גייט וועגען כלל ישראל דארף מען נישט קוקען אויף אייגענער סכנה״.

דעם רמבם׳ס ווערטער האבען ערקוויקט די פארוואונדעטע הערצער פון די יודען אין תימן, געעפענט זיי די אויגען און אריינגעגעבען בטחון און האפנונג. שפעטער, ווען דער רמב״ם איז געווארען בעריהמט און א קרוב למלכות, האט ער זיך פאר זיי אנגענומען ביי דעם סולטאן סאלאדין און זיי ארויסגענומען פון דער ביטערע לאגע. און זיי האבען איהם געליעבט און געשעצט און געבעטען גאט פאר זיין לעבען אינ׳ם דאווענען, פריה און אויף דער נאכט; אינ׳ם קדיש האבען זיי געזאגט: בחייכון וביומיכון ובחיי דמרנא משה וכו׳.

אין 4936 יאהר איז דער רמב״ם שוין געוועזען בעריהמט פאר א גאון אין אלע לענדער, אלע גרעסטע לייט האבען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות, ער האט יעדען געענטפערט, קורץ, טרעפליך, לאגיש און בנעימות.

צוויי יאהר שפעטער איז ער געווארען רב הכולל אין קאירא, דאס האט איהם געגעבען מעגליכקייט, ער זאל איינפיהרען אין שטאדט פיעל גוטע זאכען, אוועקשאפען אלע שאדליכע מנהגים, איינפיהרען ארדנונג אין די שולען, און בכלל אויסבעסערען דעם מאראלישען שטאנד פון דער גרויסער קהלה, ער האט פערוועהרט דאס ארויסלויפען און געשעפטען מאכען

מאַכען אין שוהלען, ער האָט איינגעפיהרט, אַז דער חזן זאָל זאָגען די תפלה הויך אויף אַ קול און אַלע זאָלען איהם צוהערען, און נישט מאַכען די שוהל ווי אַ מאַרק צום האַנדלען און פּלוידערען.

דער רמב״ם האָט אויך געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה, און געלערנט מיט תּלמידים תורה און חכמה. די שילער האָבען איהם געליעבט און געשעצט ווי אַ פאָטער, און ער האָט זיי ווי קינדער געהאַלטען. אויסער דעם פלעגט ער אַלע שבת דרשה׳נען פאַר׳ן המון־עם מוסר און תורה, און אַלס אומזיסט.

פרנסה האָט ער געהאַט פון דער מעדיצין. פּראַקטיק האָט איהם שוין יעצט נישט געפעהלט. ער איז שוין געוואָרען בעקאַנט פאַר אַ גרויסען דאָקטאָר.

הגם ער איז געווען גאַנצע טעג פאַרנומען מיט פסק׳ן שאלות אויס־הערען דין־תּורות, פיהרען די שטאָדט, די ישיבה, היילען קראַנקע, פילוסופיא, נאַטורוויסענשאַפט און נאָך פיעל זאַכען, האָט ער נאָך צו דעם אַלעם געשריבען און געענדיגט דאַמאָלס (כסליו 940 פון אלף החמישי) אַ ווערק, וועלכעס איז דאָס גרעסטע און דאָס וויכטיגסטע פון אַלע זיינע ספרים, דאָס איז זיין „משנה־תורה״ אָדער „יד החזקה״, צעהן יאָהר האָט ער ביי איהם געאַרבייט. אין דעם ספר האָט דער רמב״ם כּולל געווען דאָס גאַנצע יודישקייט, אַלע דינים, אַלע מדות דען גאַנצען יודישען מוסר.

דער ספר הייבט זיך אָן: „דער הויפּט גרונד און די זייל פון אַלע חכמות איז צו ערקענען, אַז ס׳איז דאָ איינער, וואָס האָט בעשאַפען אַלעס. דער איינער איז נישט קיין קערפּער, איהם קען נישט טרעפען אַזעלכעס וואָס טרעפט אַ קערפּער, און אונזער מחשבה קען איהם גאָר נישט בעגרייפען; און ענדיגט זיך מיט די ווערטער: עס וועט קומען אַ צייט, וועט די ערד פול ווערען מיט חכמה, ווי דאָס וואַסער בעדעקט דען ים״ — אויפ׳ן גאַנצען ספר שוועבט אַ גייסט פון חכמה, ריינע אמונה און מוסר; אין דעם ספר ווייזט ער אויף, אַז די אמונה אין כשוף, שדים, קמיעות. גזל, א. ד. ג. איז אָסור ע״פ דין, און נאַריש און פאַלש.

אין דער פאָררעדע זאָגט דער רמב״ם די אורזאַכע וואָס האָט איהם בעוועגט צו שרייבען דען ספר. ער האָט געזעהען, אַז די צייטען ווערען שלעכט, די צרות — גרויס, די פרנסה — שווער, דער קאָפּ איז דערשלאָגען — און די גמרא איז ווי אַ ים מען קען אין איהר פאַרפאַלען

ווערען

ווערען; אויף יעדען דין איז דא לאנגע און טיעפע פלפולים, און וועלכען עמיץ האט גענוג קאפ און ציים אויסקלויבען פון דארט די אלע דינים, וועלכע זיינען נעטיג אין לעבען, און עס בלייבט נישט א פרייע שעה פאר חכמות, וואס אהן זיי קען קיין מענש נישט לעבען; דארום האט ער געשריבען זיין „משנה תורה", אין וועלכען עס געפינען זיך קלאר און דייטליך אלע מצות, אלע דינים, אלע מדות טובות און די גאנצע אמונה.

דער רב, וואס בעדארף יעדען טאג ענטפערען אויף אלערליי שאלות און דין־תורות; דער פרומער, וואס וויל וויסען ווי מען בעדארף זיך אויפפיהרען פאר גאט און לייט: דער וויסבעגיריגער, וואס וויל וויסען וואס עס איז דער תוך פון דער גמרא — וועלען נישט ברויכען זיך ארייגלאזען אין דעם גרויסען וואלד און קריכען צווישען די פארוויקעלטע צווייגען. אין זיין ספר וועלען זיי האבען אלעס פאר די אויגען, קלאר, דייטליך, און קורץ, און עס וועט זיי נאך גענוג ציים בלייבען צו לערנען אנדערע חכמות.

גרויס אויפמערקזאמקייט ציהט אויף זיך דער **הלכות דעות** וואס דער רמב"ם האט אנגעשריבען אין זיין ספר „משנה תורה", ווי אזוי דער מענש דארף זיך פיהרען מיט זיינע דעות, מיט זיינע מדות. און אויך ווי אזוי דער מענש זאל זיך פיהרען וועגען אלע זיינע קערפערליכע בעדארפעגישען, עסען, טרינקען, שלאפען א. ז. וו., עס זאל אלץ זיין היגיעניש לויט חכמת הרפואה. דער „הלכות דעות" דערלייכט די אויגען פון אלע קלאסען מענשען. דאס האט נישט דער רמב"ם אנגעשריבען דוקא פאר לומדים, נאר פאר אלע מענשען, פון קליין ביז גרויס. בקיצור די ווערטער פון „הלכות דעות" זענען פאר יעדען מענש א **רפואת הנפש** און אויך א **רפואת הגוף**. דאס איז די ליכטיגקייט פון מענשהייט.

פריהער נאך האט ער געשריבען א קליין ספר מיט דעם נאמען „ספר המצות", אין וועלכען ער צעהלט אויס אלע תרי"ג מצות: עס איז פאר לומדים זעהר וויכטיג, אבער פאר'ן גאנצען פאלק איז דער „משנה תורה" וויכטיגער; ער האט מיט איהם געמאכט א נייע עפאכע ביי יודען. עס איז באלד ווי א בליץ דורך געפלויגען אלע לענדער און געבראכט ליכט און נייעם לעבען אינ'ם יודענטהום. מען האט איהם באלד איבערגעשריבען אין טויזענדער עקזעמפלארען און פארשפרייט אין אראביען, פלשתינא, גאנץ מארגענלאנד. אפריקא, שפאניען, פראנקרייך, איטאליא, און בכלל יואו עס האט זיך געפונען א יודישע קהילה, איבעראל האט מען איהם

גערערנט

געלערנט און געהאלטען אלס פונדאמענט פון דער אמונה. איינער פון יענער צייט שילדערט דעם איינדרוק וואס דען רמב"ם'ס ספר האט געמאכט אין שפאניען: „איידער דער חבור איז אנגעקומען אין שפאניען איז דאס לערנען גמרא שווער געווען פאר די שפאנישע יודען, אז זיי האבען געמוזט קוקען די רבנים אין מויל אריין און אפילו אין דער קלייגסטער זאך האבען זיי זיך אליין נישט געקענט קיין עצה געבען. דעם רמב"ם'ס ווערק אבער מיט זיין לייכטער שפראכע און גוטען סדר, האט זיי די אויגען געעפענט יונג און אלט האבען זיך געוואמעלט לערנען פון איהם, שלינגען זיינע ווערטער, און יעצט געפינען זיך פיעל מענשען וואס ווייסען ריכטיג דען דין, בלאנדזען נישט אין יודישקייט, עס איז איבעראל העל און ליכטיג".

דעם רמב"ם'ס כבוד האט געוואקסען פון טאג צו טאג, ער איז געווארען בעריהמט ביי אלע יודען אויף דער גאנצער וועלט. די גרעסטע רבנים האבען זיך געווענדט צו איהם ווי תלמידים. זייערע בריף זענען געווען פול מיט דעם גרעסטען דרך ארץ מען האט איהם געשריבען: „דער איינציגער אין דעם גאנצען דור", „די קרוין פון די רבנים", „דער בעלייכטער פון יודישע אויגען" — „דער גרויסער אדלער" א. ד. ג. זיין נאמען האט געקלונגען פון שפאניען ביז אינדיען, פון פרת ביז אראביען, ער איז געווען דער קאפ פון דער גאנצער אומה; זיינע ווערטער זענען הייליג געוועזען.

געוועהנליך, ווער עס איז אזוי גרויס האט אויך שונאים און נישט פערגינגער; דעם רמב"ם האבען זיי אויך נישט געפעהלט: א סך רבנים זענען דורך דען רמב"ם'ס גלאנץ פארטונקעלט געווארען, און דאס האט זיי נישט געשמעקט. זיי האבען זיך דעריבער בעמיהט צו ווארפען א שאטען אויף איהם, אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז לערנען קען מען נאר אין דער ישיבה פון (בבל בגדד), און ווער עס האט נישט געשעפט פון יענען קוועלען קען מען זיך אויף איהם נישט פארלאזען.

דער הויפט פון די אלע נישט-פארגינגער איז געווען ר' שמואל בן עלי, דער ראש ישיבה און „גאון" פון בגדד, דער כליף פון בגדד האט איהם געמאכט פאר „ראש גלותא" (דער אויבערהאר פון אלע פארטריבענע יודען), ער האט געלעבט ווי א קלייגער פירשט, ארום גערינגעלט מיט קנעכט און דינער. ער האט זיך איינגערעדט, אז ביי יודען איז גאר נישט דא זיין גלייכען און האט דעריבער געגראבען אונטער דען רמב"ם ווי

ווייט

ווײַט ער האָט געקענט. — נאָך איין חולק איז געווען געגען רמב"ם, אַ דיין ר׳ פנחס ברבי משולם פון פּראָוואַנס (פראַנקרײַך), וועלכער האָט זיך באַזעצט אין מצרים. ער האָט דעם רמב"ם אַרײַנגעשריבען אַ בריף, אַז אין זײַן „משנה תורה“ האָט ער געפונען עטליכע זאַכען וואָס געפעלען איהם נישט. ערשטענס: פאַר וואָס האָט ער נישט דערמאָנט די נעמען פון די תנאים און אמוראים? דורך דעם קענען די הײליגע נעמען זײַערע פאַרגעסען ווערען. צווײטענס: פאַר וואָס זאָגט ער נישט פון וואַנען ער האָט גענומען די אַלע דינים, וואו געפינט זיך דאָס אין גמרא אָדער אין אַנדערע ספרים? דריטענס: דורך זײַן ספר וועט די גמרא אין גאַנצען פאַרגעסען ווערען; און אַז ער האָט קײן תשובה נישט בעקומען האָט ער געשריבען אַ צווײטען בריף און שטאַרק צוגעשטאַנען צום רמב"ם ער זאָל איהם ענטפערן, נאָר דער רמב"ם איז זעהר קראַנק געווען. נור ווי באַלד ער איז געקומען צו זיך, האָט ער באַלד אָבגעשריבען, רוהיג, בנעימות פריהער פאַרענטפערט ער זיך וואָס ער האָט איהם נישט באַלד אָבגעשריבען: „איך האָב דאָס געטהון דורך מײַן קראַנקהײט, אָבער נישט ווײַל איך האָב געהערט דו רעדסט אויף מיר שלעכטס. רכילות און לשון הרע קען איך נישט צו הערען, און אפילו ווען איך הער מיט מײַנע אײגענע אויערען, אַז אײנער שענדעט מיך, מאַך איך זיך נישט הערענדיג און בין יענעם מוחל“, נאָכדעם ערקלערט איהם דער רמב"ם, אַז ער האָט חלילה נישט געמײנט מיט זײַן ספר אָבצושאַפען די גמרא, ער האָט נור געוואָלט ברענגען נוצען די וואָס האָבען קײן צײַט נישט זיך אַרײַנלאָזען אין דער גמרא; די וואָס זײַער קאָפּ איז פאַריאָגט און פאַרטראָגען פון צרות אָדער פרנסה. ווײַטער ווײַזט ער איהם אויס, אַז ער האָט נישט קײן שום בעזע געטהון מיט דעם וואָס ער דערמאָנט נישט די נעמען פון די תנאים און אמוראים; נאָר אויף דער דריטער זאַך שרײַבט ער, טחוס איהם טאַקי ווײה דאָס האַרץ; פאַר וואָס האָט ער נישט געשריבען אין זײַן ספר די קוועלען פון וואַנען ער האָט געשעפּט זײַנע ווערטער. „אַז גאָט וועט מיך אַ ביסעל בערוהיגען פון פיעל אַרבײַט און דאגות וועל איך אויף דעם שרײַבען אַ בעזונדער ווערק“.

נאָר זײַנע דאגות האָבען זיך נישט פאַרקלענערט; צײַט ער איז געקומען אין מצרים האָט ער געהאַט אויף זיך פאַרשידענע אומגליקען, קראַנקהײט, זאָרגען פון זיך, פון קינדער, וועלכע זענען איהם אויסגעשטאָרבען, מסירות און אַנדערע צרות; שפּעטער האָט ער

לאַנג

לאנג גערויערט איידער דאס מזל האט איהם א פריינען מוטה געוויזען.

---

## ג.

ר' יוסף עקנין זיין תלמיד. און זיין זוהן רב אברהם.— „פירשט" איבער אלע יודען אין מצרים און לייבארצט ביים סולטאן. „מורה נבוכים". איבריגע ספרים.— בריף.— זיין טויט. און דער איינדרוק אויף די יודען.—

בערך 4946 יאהר איז געקומען אין רמב"ם'ס ישיבה אריין א יונגער מאן ר' יוסף עקנין, דער רמב"ם האט איהם ליעב געקריגען ווי אן'אייגען קינד און מיט איהם געלערנט תורה און חכמה, נאך א יאהר איז עקנין אוועק אין דער שטאדט אלעפא און געווארען דאקטאר, און נישט אויפ־געהערט צו קארעספאנדירען מיט'ן רמב"ם. דער רמב"ם האט איהם גע־האלטען פאר א גוטען פריינד, דעם איינציגען יאהר איז דעם רמב"ם גע־בוירען געווארען זיין זוהן אברהם. ער שרייבט שפעטער וועגען איהם צום תלמיד מיט די ווערטער: „גאט האט געגעבען מיין קינד חן און געבענשט איהם ווי אברהם אבינו; ער איז זעהר בעשיידען, האט גוטע מדות, א שארפען פערשטאנד און א גוטען כאראקטער. ער וועט, מיט גאט'ס הילף, זיין א גרויסער מאן". זיין האפנונג האט איהם נישט גענארט; זיין זוהן ר' אברהם האט נישט פארשעמט דעם טאטען.

אין דער זעלבער צייט איז דעם רמב"ם'ס מאטעריעלער שטאנד אויך בעסער געווארען. ער איז געווארען לייבארצט ביי דעם סולטאנ'ס וויזיר אלפארהעל, און בעקומען איין יאהרליכע געהאלט. און פראקסע ביי אלע גרויסע לייט אין קאירא. ער איז געווארען בעריהמט ביי מחמדאנער און קריסטען. קראנקע פון אלע קלאסען, אריםע און רייכע, אדעליגע און פראסטע — האבען שטענדיג בעלעגערט זיין טהיר.

א גרויסען שם האבען איהם געמאכט זיינע מעדיצינישע ספרים, וואס ער האט געשריבען. ער איז אויך באלד לייב־דאקטאר געווארען ביי דעם סולטאן סאלאדין אליין, און איז נאך גרעסער געווארען אויף דער וועלט.

דער

דער רעמעלדינגער גרויסער מחמדאנישער דאקטאר און געלעהרטער, אבידעלאטיף פון בגדד, און אויך א גרויסער חשוב בײ׳ם סולטאן, איז עקסטרא געפאהרען אין קאירא צו קענען דרײ מענשען, איינער פון זײ, זאגט ער, איז דער רמב״ם געוועזען.

אראבישע דיכטער האבען לכבוד הרמב״ם שירים געשריבען, און זײן נאמען איז אזוי גרויס געוועזען, אז דער ענגלישער קעניג, ריכארד לעווענהארץ האט איהם גערופען צו זיך, אלס לײבארצט; נור דער רמב״ם האט אבגעזאגט; ער האט נישט געוואלט פארלאזען דעם גוטען סולטאן וואס טהוט טובות מיט יודען און פאהרען צו דעם אײזערנעם קעניג, וואס האט געפיהרט די קרײצ־ציגע וואס האבען יודיש בלוט ווי וואסער פערגאסען.

באלד האט איהם דער סולטאן אויסגעצײכענט און געמאכט פאר דעם אבערהויפט (נגיד, פיהרער אדער פירשט) איבער אלע יודען אין מצרים. דער כבוד איז איהם געבליבען אויף קינדער און קינדס־קינדער ביז אין 14־טען יאהר הונדערט. זײן גדולה האט דער רמב״ם בענוצט צו טהון טובות זײנע ברידער. ער האט דאמאלס אויסגעהאלפען די געדריקטע יודען פון תימן, און אז סאלאדין האט ירושלים בײ די קריסטען צוריק אבגענומען (אקטאבער 1178), האט ער בײ איהם געפועלט. מען זאל יודען צוריק ארײנלאזען. און „פון אלע זײטען האבען געשטרעבט די קינדער צו דער פערלאזענער מוטער".

דער סולטאן פון מצרים האט געהאט א גיזעץ, אז אין עטליכע צײטען פון יאהר האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף זײן גרויסע כסא מלוכה, וועלכע האט געהאט בײם ארויפגאנג זיבען האלברונדיגע שטאפלען. יעדער שטאפעל איז געוועזען ערפולט מיט טײערע שמיהלען, אויף וועלכע עס זענען גיזעסען פאר׳ן מלך די גרעסטע חכמים פון מצרים. זײ האבען זיך אײנגעטײלט אויף זיבען קאטעגאריעס, לויט די שבע חכמות, איז אלזא אויף יעדער שטאפעל געזעסען אנדערע חכמים, וואס זענען געוועזען גוט געלערענט אין זײער חכמה, וועלכע איז געוועזען אײנע פון די זיבען בעוואוסטע חכמות. דער סולטאן האט נישט געוויסט אויף וועלכע שטאפעל דעם רמב״ם צו זעצען, בשעת דער רמב״ם איז געוועזען גוט געלערענט אין אלע שבע חכמות, נאך מעהר ווי די אלע חכמים וואס זענען גיזעסען פאר׳ן סולטאן. אז דער סולטאן האט געפרעגט דעם רמב״ם אויף וועלכע שטאפעל ער קלויבט זיך אויס און ארט צו זיצען. האט דער רמב״ם

גיענטפערט

געענטפערט. „אדוני המלך! איך ווייס אז איך בין נישט ווערט צו זיצען אויף קיין איין שטאפעל פון די אלע שטאפלען פון דיין כסא מלוכה, אלזא פערלאנג איך מען זאל מיר בעסער אבגעבען אן ארט צום זיצען נאר אונטען נעבען דיין כסא מלוכה, דא ווי די שטאפלען הויבען זיך אהן". דאס האט אבער אויך נישט געהאלפען און די קנאה שנאה פון די חכמי מצרים און פון דירעשט דאקטוירים איז געוואקסען אויפ'ן רמב"ם אלע טאג מעהר און שטארקער:

די וואונדערליכע מעשה ווערט געבראכט אין פיעל ספרים אז די קיניגליכע דאקטוירים האבען אנגעהויבען צו רייצען שלעכטץ פאר'ן סולטאן פון מצרים אויפ'ן רמב"ם און זיי האבען עס מבזה געווען וועגען דעם גאנג פון זיין דאקטאר-לעהרע, ביז עס איז אויסגעקומען אז דער רמב"ם מיט דירעשט קיניגליכע דאקטוירים זאלען האבען א ויכוח פאר'ן סולטאן וועגען חכמת הרפואה. דער ויכוח האט זיך אזוי ווייט פערשארפט אז די קיניגליכע דאקטוירים האבען איינגעשטימט, אז זיי וועלען טרינקען דעם סם המות וואס דער רמב"ם וועט זיי געבען צו טרינקען, נאר באופן אז דער רמב"ם זאל צום ערשטען טרינקען דעם סם המות וואס זיי וועלען עם געבען צו טרינקען. דער רמב"ם האט אויף דעם בעוויליגט און מען האט די זאך אבגעלעגט אויף עטליכע טאג.

אז דער רמב"ם איז אהיים געקומען און האט דערצעהלט זיינע תלמידים וואס עס איז פארגעקומען ביים סולטאן, האבען זיך די תלמידים שטארק דערשראקען און זיי האבען אנגעהויבען וויינען פאר גרוים שרעק און עגמת נפש. אבער דער רמב"ם האט פון זיי געלאכט און ער האט געהייסען פארברייטען די מיטלען וואס ער וועט דארפען איין צונעמען דעפויר איידער ער וועט טרינקען דעם גיפט, און אויך אנדערע מיטלען וואס מען זאל עם איינגעבען באלד נאכ'ן טרינקען דעם גיפט.

ווען עס איז אנגעקומען דער טאג וואס דער רמב"ם האט געדארפט נעהמען טרינקען דעם סם המות, האבען די תלמידים גוזר תענית געווען און האבען שטארק מתפלל געווען פאר'ן רמב"ם'ס לעבען. דער רמב"ם האט זיך צוגעשטעלט צו דער בעשטימטער צייט. די דאקטוירים האבען עם דערלאנגט א בעכער מיט א שטארקען גיפט. דער רמב"ם האט אויסגעטרינקען און האט זיך באלד צוריק געקערט אהיים. די תלמידים זיינע האבען עם געטוהן פינקטליך אלעס זא ווי דער רמב"ם האט זיי פאראויס געלערענט

געלעגענט און אויפ'ן דריטען טאג איז דער רמב״ם שוין געוועזען פאַרקום געזונד ,

נאכהער האט זיך דער רמב״ם פאַרגעשטעלט פאַר'ן סולטאן און האט מיט געבראַכט זיין גיפט וואס ער האט אנגעגרייט פאר די דאָקטוירים זיי זאָלען טרינקען . די דאָקטוירים האבען זיך זעהר שטאַרק פערוואונדערט אויפ'ן רמב״ם ווי אזוי ער איז ניצול געוואָרען פון טוידט . אָבער עס האט זיי גאָר קיין שום אויסרייד נישט געהאָלפען און זיי האבען געמוזט טרינקען דעם גיפט וואס דער רמב״ם האט זיי געגעבען , און זיי זענען אלע באלד אנידערגעפאַלען טוידט פאַר'ן סולטאן . נאָך די מעשה איז דער רמב״ם נאָך גרעסער געוואָרען און קיינער האט זיך שוין נישט געוואָלט איינשטע־לען צו ריידען שלעכטץ אויפ'ן רמב״ם .

נאָך א וואונדערליכע מעשה ווערט געבראַכט אין ספרים וועגען רמב״ם אויף אזוי אופן , אזוי ווי דער רמב״ם איז געוואָרען לייב־אַרצט ביים סולטאן סאלאדין פון מצרים האבען זיך דירעשט קיזערליכע דאָק־טוירים אין עם שטאַרק מקנא געוועזען׳ און האבען נאָר שטענדיג געטראַכט עצות ווי אזוי דעם רמב״ם פון פלאַץ אראָב צו רוימען , האט זיך גע־מאכט אַמאָהל אז דער סולטאן איז קראַנק געוואָרען אויף א לאַנגווייליגע קראַנקהייט , און דער רמב״ם זעלבסט האט עם אלע טאג געהיילט מיט פערשידענע מעדיצינען . דורך דעם איז דירעשט דאָקטוירים געלונגען אריין צו טוהן גיפט אין א פלעשעל מעדיצין וואס דער רמב״ם האט אנגעגרייט פאַר'ן סולטאן ער זאל דערפון אנהויבען איינצונעמען צומאָרגענס אין דער פריה . דערנאָך באלד האבען זיי זיך צוגעאיילט און האבען געשיקט צום סולטאן א דרינגענדען שליח , באשר אז זיי האבען זיך דערוויסט בסוד גדול אז דער רמב״ם האט געמאכט א יד אחת מיט'ן סולטאנס שונאים און זיי האבען בעשטימט אז דער רמב״ם זאל דעם סולטאן פערגיפטען . אלזאָ זאל דער סולטאן פון היינט אָהן זיין שטאַרק געוואָרענט נישט איי־צונעמען קיין שום רפואה פון רמב״ם איידער מען וועט די רפואה פּרובירען דורך א כלב צו עס איז נישט קיין גיפט .

דער סולטאן האט זיך פון דער נאכריכט שטאַרק דערשראָקען , און אויף צומאָרגענס אין דער פריה ווען דער סולטאן האט געדאַרפט אָנ־הויבען איינצונעמען די נייע רפואה וואס דער רמב״ם האט פאר עם אנגע־גרייט , האט ער געפּרובט צו געבען פון דער רפואה א כלב צו פערזיכען , איז דער כלב באלד געבליבען ליגען טוידט . דער סולטאן האט זיך

שטאַרק

שטארק פערוואונדערט אויף די מעשה, אז דער רמב"ם וואָס איז עס געווען אזוי שטארק געטריי א לאנגע צייט, זאָל פּלוצלונג וועלען עס גאָר פערגיפטען! גיכער האָט דער סולטאן גערעכענט אז דאס איז נאָר א אונ־טערגעריכטע זאך פון דער רמב"ם'ס שונאים. אָבער דאָך האָט דער סולטאן געצווייפעלט אין דעם, ווארען אויסווייזען די זאך אויף זיכער איז געווען אוממעגליך.

ווען דער רמב"ם איז געקומען צומארגענס צום סולטאן, האָט דער סולטאן עס פאַרגעהאלטען אין דעם פערברעך. דאן איז דער רמב"ם גע־בליבען שטארק דערשראָקען, אַזוי אז ער האָט גאָר נישט קענען גוט געהאט שטארק צו פערטיידיגען זיך פאַר'ן סולטאן און אויס צו ווייזען פאר עם מיט ריכטיגע פאקטען אז דאס איז נאָר א פאלשער בלבול. דער רמב"ם האָט נישט מעהר געזאָגט פאר'ן סולטאן נאָר די קורצע און שארפע ווער־טער: „ארוני המלך! אויב דו גלויבסט באמת אז איך האָב דיך געוואָלט פערגיפטען, בין איך טאקי א חייב מיתה". דאן האָט דער סולטאן צום רמב"ם אַזוי געזאָגט. „דאס פערשטעהט דאך יעדער, און דו ביזט דאך אליין אויך מודה, אז לויט ווי די זאך זעהט אויס בולט, ביזט דו געווים מחויב מיתה, ווארען וואס קאָן איך וויסען פון פערבאָרגענע סודות. אָבער דאָך בעוויל דו האָסט מיך אַזוי לאנג געטריי געדינט וועל איך דיר די טובה טוהן אז דו מעגסט דיר זעלבסט אויסקלויבען וואס פאר א מיתה מען זאָל דיר טוהן".

דער רמב"ם האָט געבעטען אויף דעם ישוב דריי טעג צייט, און דער סולטאן האָט דאס עם צוליב געטוהן. ווען דער רמב"ם איז אהיים געקומען מיט א פינצטער פנים און האָט דערצעהלט וואס מיט עם האָט זיך פאסירט ביים סולטאן איז געוואָרען כלי עם אין הויז און צווישען זיינע תלמידים א גרוים געוויין אָבער דער רמב"ם האָט זיי געטרייסט, און האָט צו זיי געזאָגט: „וויינט נישט. איך פערהאָף, אז דער גאָט וואס האָט מיך ביז היינט מציל געווען פון פיעל צרות און פון פיעל נויטען, דער וועט מיך בודאי היינט אויך פון די צרה מציל זיין, ווארען נאָר ער וויסט דאָך דעם ריינעם אמת, אז איך בין דא גאָר נישט שולדיג".

נאָך א גרויסען ישוב הדעת האָט דער רמב"ם בעשטימט, ער זאָל הייסען אז די דאָקטוירים זאָלען עם עפענען אלע בלוט־אָדערען, וועט דאס גאנצע בלוט פון עם ארויסרינען, אזוי נאָך וועט ער באלד געשטארבען ווע־רען. די תלמידים זיינע האָט ווייטער דער רמב"ם אַזוי אנגעזאָגט, אז זיי זאָלען

זאָלען זיין קעָרפּער באַלד אַהיים ברענגען, און ער האָט זיי געלערענט וואָס זיי זאָלען מיט זיין קעָרפּער טוהן. וואָרען דער רמב״ם האָט זיי דערקלערט, אַז ער ווייסט זיכער אַז עס געפינט זיך אין מענש איין בלוט-אָדער וואָס די אַלע דאָקטוירים ווייסען פון עס נישט, און אויב דער בלוט-אָדער בלייבט גאַנץ איז נאָך מעגליך צוריק צו מאַכען דעם קערפּער לעבעדיג דורך פערשידענע מיטלען

דער רמב״ם האָט זיך צו געשטעלט צו דער צייט, כּען זאָל איבער עס אויספיהרען דעם טוידט-שטראָף אַזוי ווי ער האָט פאָרגעלעגט. די דאָקטוירים זיינע שונאים האָבען זיך דערפרייט מיט זייער קרבן און זיי האָבען די „מלאכה״ געטוהן מיט גרויס פערגעניגען. דער רמב״ם איז געבליבען ליגען אָהן מאַכט און די תלמידים זיינע האָבען באַלד צוגענומען זיין קערפּער און האָבען עס אַהיים געטראָגען. זיי האָבען אַלץ פּונקטליך געטוהן אַזוי ווי דער רמב״ם האָט זיי דעפוירן געלערענט. און דער רמב״ם איז צוריק לעבעדיג געוואָרען.

די זאַך האָט מען אָבער געמוזט האַלטען אַלאַנגע צייט בסוד, כּדי די שונאים זאָלען פון דעם זיך נישט דערוויסען. און ווען דער רמב״ם האָט צוריק בעקומען זיינע קרעפטען, איז ער אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ מערה אַ פערבאָרגענע הייל. דאָרט איז ער אָבגעזעסען צעהן יאָהר. די תלמידים האָבען עס בסוד צוגעשטעלט זיין בעדערפעניש און דאָרט האָט דער רמב״ם מחבר געווען דאָס גרעסטע ספר זיינס וואָס הייסט „משנה תורה״. נאָך דעם איז דער סולטאַן געשטאָרבען און עס איז געוואָרען אַ נייער סולטאַן, איבער וואָס דער רמב״ם האָט שוין נישט קיין מורא געהאַט פאַר זיין תשפט, דאַן איז ער אַרויס פון דער פערבאָרגענער הייל אויף דער פריי.

בערך 4950 יאָהר האָט דער רמב״ם געענדיגט זיין בעריהמט פילאָזאָפיש ספר „מורה נבוכים״, וואָס איז געשריבען אַלס בריף צו זיין תלמיד ר׳ יוסף עקנין. אַלס תשובות איהם אויף שאלות. ער ערקלערט איהם פילאָזאָפיש די השגה פון גאָט, אַז גאָט איז אַ רוחניות, נישט אַ געשטאַלט מיט גלידער, נישט אַ גוף וואָס קען זיצען, שטיין, ליגען, ווערען אין כעס, זיך איבערבעטען; ווייטער רעדט ער וועגען אין סוף, וועגען נצחיות, וועגען מלאכים, און וואָס איז די נשמה און איהר תכלית. ווי אַזוי בעווייזט זיך גאָט צו מענשען, מיט וואָס איז משה-רבנו געווען גרעסער פון אַנדערע נביאים, דען תכלית און די טעמים פון די מצות,

און

און פאר וואס זעהען מיר אמאל דעם רשע געהט זעהר גוט, און דער צדיק לעבט אין צרות. (צדיק ורע לו רשע וטוב לו).

דען ספר האט דער רמב"ם געשריבען פאר איינציגע אויסגעצייכענטע מענשען וואס וועלען איהם קענען פארשטעהן. ער בעהט די געבילדעטע לעזער, זיי זאלען נישט מגלה זיין זיינע מיינונגען דעם המון עם, זיי זאלען דען ספר איבער שרייבען נאר מיט יודישע אותיות, ער זאל ניט אריינפאלען אין מחמדאנישע הענד. דאך איז דער „מורה נבוכים" בעקאנט און בעריהמט געווארען אין אלע לענדער, און אלע געבילדעטע יודען און מחמדאנער, אויך טהייל קריסטליכע פילאזאפען האבען איהם שטודירט.

דען מורה נבוכים האט דער רמב"ם געשריבען אראביש. די יודישע געלעהרטע אין פראנקרייך, וואס האבען אראביש ניט פארשטאנען, האבען זיך געווענדט צום רמב"ם מיט א בקשה־בריף ער זאל זיי שרייבען דען מורה נבוכים אויף לשון קודש, דער רמב"ם שרייבט צוריק, אז ער וואלט עס זייער גערן געטהון נאר עס פעהלט איהם צייט, און אויך איז ער שוין אלט און שוואך.

• עס האט זיך אבער באלד איינער געפונען וואס האט גענומען אויף זיך די שווערע ארבייט, איבערזעצען דעם מורה נבוכים אויף לשון הקודש. דאס איז געווען דער געריהמטער געלעהרטער ר' שמואל אבן תבון. ער האט אנגעפרעגט דען רמב"ם, און געבעטען ערלויבעניס צו קומען, און לערנען ביי איהם תורה און חכמה. דער רמב"ם שרייבט, אז ער איז זעהר צופרידען מיט דעם וואס ער וויל איבערזעצען זיין ספר; שריפטליך איהם עצות געגעבען, נור ניט געראטען קומען. איך בין, שרייבט ער, איממער בעשעפטיגט, האב קיין פרייע מינוט צו פארברענגען מיט א פריינד אדער א בעקאנטען אין וויסענשאפטליכע זאכען. דער רמב"ם שילדערט זיין לעבען מיט די ווערטער:

„איך וואהן אין פאסטאט און דער סולטאן וואהנט אין אל־קריא, וויים א דריטעל מייל לערך, מיין ארבייט ביים קעניג איז גרויס און שווער: יעדען טאג אין דער פריה דארף איך איהם זעהען, און אויב ער, אדער עמיץ פון זיינע קינדער ... [illegible]

דויף זענען ניט בקוו הבריאה קען איך שוין ניט אוועקגעהן פון פאלאץ, און בלייב שוין אין אל־קריא. נור

אפילו

אפילו ווען אין קעניגס פאלאטץ איז שטיל, אלע זיינען געזונד און שטארק, קום איך ערשט אהיים נאך מיטאג מיעד און הונגעריג, נור איך געפין די פארצימער פול מענשען, טערקען קריסטען, יודען, גרויסע לייט און פראסטע מענשען, גוטע פריינד און שונאים, וואס היטען שוין אב די צייט און ווארטען אויף מיר. איך קריך אראפ פון פערד, וואש די הענד, בעט איבער זייער כבוד זיי זאלען מיך לאזען איבערבייסען (איין מאל אין מעת לעת), דערנאך גיי איך ארויס צו זיי. שרייב רעצעפטען און פארטיג אלע אב, נור יעדע מינוט קומען פיעל נייע קראנ־קע, עס דויערט אזוי ביז נאכט, אין אפטמאל ביז 2 שעה אין דער נאכט. איך ווער זייער מיעד, האב קיין כח צו שטיהן אדער זיצען, איך מוז מיך ליגען און רעדען אזוי מיט די קראנקע, ביז איך ווער אבגעשוואכט און האב קיין כח ניט צו רעדען

איין איינציגען טאג האב איך שבת, דעמאלט קען מען רעדען מיט מיר, דעמאלט קומט צו מיר די גאנצע קהלה, אדער דער רוב. באלד נאכן דאווענען און איך זאג זיי וואס זיי האבען צו טהון די גאנצע וואך, און לערען מיט זיי אשיעור ביז מיטאג, עטליכע קומען נאך צוריק נאך מנחה און איך לערען מיט זיי ביז מעריב, דאס איז מיין לעבען, מיין בעשעפטיגונג יעדען טאג'.

' און דאס שרייבט ער, איז נאר א קליין חלק פון זיין ארבייט, און באמת וויפיעל ברייף, האט ער געהאט צו שרייבען יעדען טאג, אין אלע עקען פון דער וועלט! תשובות אויף שאלות פון רבנים און חכמים; ער האט יעדען געענטפערט, קורץ, ווי זיין שטייגער. נור העל און דייטליך.—

ביי אזוי פיעל ארבייט, מיהע, און לערנען, האט דער רמב"ם ערייכט איין עלטער פון זיבעציג יאהר דורך זיין קלוג און בעשיידען לע־בען. נור די לעצטע צייטען האט ער זיך זעהר בעקלאגט, אז די כוחות גייען איהם אוים.

אין

אין יאָהר 4965 לבריאת העולם מאָנטאַג בײַ דער נאַכט, צוואַנציג טאָג אין טבת איז דער רמב״ם נפטר געוואָרען, זײַן טױרט האָט געטראָפען ווי אַ דונער אַלע יודען, אין יעדער שטאָדט האָט מען געטרױערט און געװײנט. אין פֿאָסטאַט האָבען יודען און מחמדאַנער אײַן עפּענטליכען טרױער געמאַכט. אין ירושלים האָבען אַלע יודען געריסען קריעה און געפאַסט, אַזױ איז געװען אין אַלע שטעדט. די יודען פֿון מצרים האָבען געפֿיהרט זײַן גוף אין ירושלים, און איהם מקבר געווען אין טבריא.

דאָס פֿאָלק דערצעהלט אַ מעשה: בשעת מען האָט געטראָגען זײַן אָרון זענען אָנגעפֿאַלען דרײַסיג בעדואונען און האָבען איהם געוואָלט אַוועקרױבען; זײ האָבען אָבער ניט געקענט דעם אָרון פֿון אָרט ריהרען, זײ האָבען אײַנגעזעהען אַז אין איהם מוז ליגען אַ הײליגער מענש, האָבען זײ מיט גרױס כבוד און מורא זיך צו געשלאָסען צו דער לויה און געפֿיהרט צוזאַמען מיט די יודען דעם הײליגען אָרון ביז צום קבר.

אויף זײַן מצבה האָט מען אױסגעקריצט די װערטער:

**„פה טמון רבנו משה בן מיימון מבחר האנושי״**

די בעדײַטונג איז אַזױ: „דאָ ליגט בעהאַלטען רבנו משה בן מימון, דער בעסטער פֿון די מענשהײט״.

זײַן זכות זאָל מגין זײַן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## דעם רמב״ם׳ס ספרים.

1) אַ פּירוש אויף דער גמרא, געשריבען יונגערהײט, פֿאַר 23 יאָהר פֿון דעם פּירוש איז אונז געבליבען נאָר אויף „ראש השנה״.

2) דינים פֿון ירושלמי, דער ספר איז אויך צו אונז ניט אָנגעקומען.

3) אַ פּירוש אויף משניות, ער האָט איהם געשריבען אויף אַראַביש צו 23 יאָהר, געענדיגט צעהן יאָהר שפּעטער, מען האָט איהם אין גאַנצען איבערגעזעצט אויף לשון קודש.

4) „מאמר העבור״ ווי צו רעכנען די מולדות און ווען מאַכען אַ עבור־יאָהר א. ד. ג.

5) „מאמר קדוש השם״ אָדער „אגרת השמד״. געשריבען אין אַפֿריקאַ.

טרר

6) „סדר עולם״ כּללים אין דער גמרא, דען ספר האבען מיר גישט.

7) „משנה תורה״ צעהן יאהר געשריבען, געענדיגט אין זעכציגסטען יאהר, אין איהם לערנען נאך היינט אלע רבנים, זיינע ווערטער זענען וויכטיג אין די תורה, פיעל פירושים, פיעל אויפטועכצען האט מען ביז היינט געמאכט אויף איהם, יעדער למדן געפינט אין איהם אנ׳ארט צו ווייזען זיין שארפען קאפ, זיינע חריפות.

8) „ספר המצות״ געשריבען אראביש. מען האט איהם איבערזעצט אויף לשון הקודש.

9) „אגרת תימן״, אראביש, איבערזעצט אויף לשון קודש, דורך פערשיעדענע מענשען.

10) „מאמר תחית המתים״, געשריבען אין 54־טען יאהר.

11) „מלות ההגיון״, לאגיק, געשריבען אראביש, מיר האבען איהם אין העברעאישער און דייטשער איבערזעצונג.

12) „מורה נבוכים״ אראביש, איבערזעצט געווארען אין פיעל שפראכען מיט פיעל פירושים.

13) „פרקי משה״, איבער מעדיצין.

14) א בריף צום סולטאן, ווי ער זאל זיך פיהרען ער זאל זיין געזונד.

15) „תשובות״, אנטווארטען אויף פראגען וואס מען האט ביי איהם געפרעגט און פיעל בריף צו זיינע פריינד, תלמידים און פרעמדע.

16) „ספר הרפואות״, איבער די קראנקהייטען און זייער היילונג.

17) „ספר הסבות״. איבער די אורזאכען פון די קראנהייטען.

18) „סם המות ותרופתם״. איבער די קראפט פון די גיפטען און ווי אזוי מען דארף דעם היילען דעם פערגיפטערטען מענש.

1) מיינע טייערע קינדער! דער וואס האלט אין זיין האנד מיין ענדע האט מיך אויפגעקלערט, און מיין ליעבע צו גאט ברוך הוא האט מיך ערוועקט, איך זאל אנזאגען מיינע קינדער, מיט וועלכע ער האט מיך בעשאנקען. זיי זאלען אבהיטען גאט'ס וועג און זאלען לערנען זיין הייליגע תורה, איך זאל זיי געבען די זעלבע ירושה וואס איך האב געירשענט, איידער ער רופט מיך אוועק פון דער וועלט און נעמט אויף אונטער זיין עהרע.

2) הערט מיך אויס מיינע ליעבע קינדער! געבענטשט זאלט איהר זיין פון גאט, וואס האט בעשאפען הימעל און ערד. זיין ברכה פון אויבען אין הימעל, און אויך די ברכה וואס רוהט אין תהום, די ברכה פון פרוכטבארקייט זאל אייך אומרינגלען. שטארקט אייך און זייט פרומע און גוטע מענשען. דיענט דעם גאט פון אייער פאטער, דעם גאט פון אברהם יצחק ויעקב מיט א ערליך הארץ. די מורא פאר גאט וועט אייך פיהרען דערצו איהר זאלט נישט זינדיגען, און די ליעבע צו גאט וועט אייך שטארקען מקיים צו זיין זיינע מצות. נידערקט אימער אז איבער אלעמען וועט ער פון אייך אבנעמען דין וחשבון.

3) פיהרט זיך אנשטענדיג און מיידעט אויס די געזעלשאפט פון לייכטזיניגע, נאר געפינט אייך אימער אונטער דעם איינפלוס פון די ערענהאפטע און קלוגע מענשען. ליעבט די וויסענשאפט, זוכט זי ווי מען זוכט אוצרות. האלט זיך אויף אין די הייזער פון חכמים. הערט גוט צו זייער מאראל און אויך זייערע וויסענשאפטליכע ערקלערונגען און ענטדעקונגען.

4) לערענט אין דער יוגענד, ווען אייער הארץ איז נאך פריי, איידער איהר ווערט אנגעפולט מיט זארג און אייער זכרון ווערט שוואך. ווייסט אז עס וועט קומען א צייט, ווען איהר וועט וועלען לערנען און איהר וועט אבער דאן שוין ניט קאנען.

5) ווען איהר וועט געפונען א פסוק אין די הייליגע תורה, וואס איהר וועט ניט פערשטעהן זיין סוד און זיין טעם, זאלט איהר זיך דורך דעם ניט אבווענדען פון די אמונה. נאר דאך זאלט איהר אייך האלטען פעסט ביי יעדעםווארט פון די תורה און ביי די ליכטיקייט פון דער לויטערען יודישע אמונה. דאס וואס איהר וועט נישט פערשטעהן זאלט איהר אנהענגען אין אייער קליינעם פערשטאנד.

6) ליעבט די ווארהייט און גירעכטיקייט, אויבוואהל איהר קענט דערביי צו לעהגען, איז אלץ בעסער ווי צו פערדינען מיט פאלשקייט און אונרעכט. איהר זאלט קיינמאל ניט געניסען פון דעם וואס איז ניט באמת אייער אייגענס.

7) זייט מקרב די ווייטע, ביינט אייך צו מיט א פרעהליך געזיכט צו די נידריגע. האט מיטלייד מיט ארעמע און אונגליקליכע. זייט מטיב מיט אייערע שונאים. האסט די הולטייסטווא און דערווייטערט אייך פון הולטייעם. געניעסט דאס לעבען אין אייער געזעלשאפט, און נאר מיט דער פרוי פון אייער יוגענד. עהרט אייערע פרויען, דען זיי זענען אייער עהרע. נאר איהר זאלט זיי מאראליזירען און זיי ניט לאזען הערשען איבער אייך.

דיענט

8) דיענט אייערע פריינד מיט אייערע קערפער און קראפט. לויט ווי נאט האט אייך בעשאנקען. אבער איהר זאלט זיי ניט דיענען מיט אייער וועלט, ווייל דאס איז די געטליכע טהייל.

9) איך האב געזעהן די גרעסטע אונגליקען ענטשטעהן דורך מחלוקת. דערפאר זאלט איהר האסען מחלוקת. ענטלויפט דערפון און דערווייטערט אייך פון אלע איהרע אנהענגער. זאגאר אייער בעסטער פריינד, ווען ער האט זיך ליעב ארום צו קריגען, זאלט איהר זיך פון איהם דערווייטערען.

10) ווייסט אז בעוויל גאט ליעבט דעם מענש מעהר פון אלע ברואים, דארום האט ער איהם בעשאנקען מיט דער מתנה פון כח הדבור. אלזא דארף דער מענש אממיינסטענס בעניצען דעם כח הדבור צו לויבען גאט, מתפלל זיין צו איהם און צום לערנען די הייליגע תורה. דאס וואס דער מענש דארף זיך בעניצען מיט'ן כח הדבור וועגען זיינע קערפערליכע בעדערפענישען איז טאקי אויך נישט פארווערט. אבער ווי שענדליך איז פון מענש צו פערבייטען גוטעס אויף שלעכטס און אויס צו נוטצען גאטס מתנה צו דעם וואס ער האט אונז פארווערט, דהיינו צו ריידען געמיינהייטען: שקר לשון הרע, רכילות און ליצנות. דאס איז א גרויסע עבירה און אויך א גרויסע העזה. אלזא וועגט איבער יעדעסווארט איידער איהר לאזט עס ארויס פון מויל, ווייל דערנאך וועט איהר עס ניט קאנען צוריק נעמען.

11) דערווייטערט אייך פון פיעל עסען און טרינקען. גלויבט ניט אז פיעל עסען און טרינקען מאכט גרויס דעם קערפער און פערמעהרט דעם שכל. געגענטהייל, ווען איהר וועט ווייניג עסען וועט דער מאגען האבען די קראפט אלעס איבערצוקאכען און צו קרעפטיגען דעם קערפער. אבער אז איהר וועט צופיעל עסען, דאן קאן עס דער מאגען ניט פערדייען, דער קערפער ווערט מאגערער, דער שכל שוואכער און אין קעשענע בלייבט ווייניגער געלד. היטעט זיך שכארק פון שיכורית דורך בעזויפענע געטראנקען. ווייסט אז ניט אומזיסט איז אנגעשריבען אין די תורה נח'ס שאנדע, זאנדערן זיך פון איהם א מוסר ארויס צו נעמען.

12) פיהרט זיך מיט אונטערטעניגקייט. דען דאס איז די לייטער וואס פיהרט ארויף הויך, דאס איז די גרעסטע צירונג פון דער מענשהייט. זעהט אז משה רבנו דער גרעסטער פון אלע נביאים ווערט ניט בערירהמט אין די תורה מיט אלע זיינע גוטע מדות, נאר מיט דער מדה פון זיין שטארק אונטערטעניגקייט.

13) איך בעהט אייך מיינע טייערע און ליעבע קינדער! אנערקענט ווי וויים די ליכטיגקייט איז בעסער פון פינסטערניש. האסט דאס שלעכטע וואס איז דער טויט. ליעבט די גוטקייט וואס איז דאס לעבען. די ברירה ליעגט דאך ביי אייך אין די הענד, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק ובחרת בחיים. אייער פאטער וואס פערלאנגט אייער הצלחה.

משה בר' מיימון זצ"ל הנפ"די ושלום.

# תולדות הרמב"ם ז"ל

אין דער שטאט קורטבא וואס אין מדינת ספרד, דארטין האט זיך דיא חכמה גימאכט אנגעסט אין נייגטין יאהר הונדערט לאלף החמשי, אין דער שטאט האבין זיך באהעפט צוא זאמען תורה מיט חכמה, פון דארטין איז ארוים תורה אונ די קוועלע פון וויסענשאפט, אין דיזע שטאט אין דעם יאר ד"א תתצ"ה (דאס איז שוין זיבין הונדערט מיט ניין אונ פערציג יאר) אום שבת ערב פסח איז גיבארין גיווארין דער אוים דער וויילטער פון דיא חכמים, דער שיין פון אידין וואס האט אויף גיהויבין דיא ליכטיקייט פון דער תורה אונ האט איר אן גיקרוינט אקרוין פון שיינקייט דאס איז (דער רמב"ם) רבינו משה דער זון פון רבינו מיימון הדיין הספרדי וואס קומט ארוים פון די פאמיליע פון דוד המע"ה. דיזער קינד האט זיך ערצויגין אויף דעם שוים פון אגרויסין מאן אפאטער, זייער גליקליך, דער פאטער האט זיך שטארק באמיט צוא לערנען אים תורה אונ וויסענשאפט, אונ ער האט זיך זייער שטארק גנעטמען צום לערנען אונ האט איבער גשטיגן אלע זיינע חברים אין אלע למודיות, דען זיין קאפ וואר זייער טיף אונ שארף, קורץ גיזאגט אז אין זיין יוגנשאפט האט מען אין אים דער קענט, אז ער וועט פרשיינען די וועלט מיט זיין תורה אונ חכמה. דער פאטער (האט אים גילערינט לשון ערבי וואס זיא איז דענסטמאל גיוועזן דיא שפראך פון וויסענשאפט אינ) האט אין אים גינאסין דיא טייכין האניג פון דער תורה וואס ער האט גישעפט פון קוואל פון זיינע רביים גדולי עולם, וויא שיין אונ צימליך איז עס צוא זעהען אז דער פאטער מיטין זון צו זאמען האבין גילערינט תורה פון דעם גרויסן גאון וואס האט ערלויכטין אידישע אויגן מיט זיין תורה הרב ר' יוסף הלוי מיגאש וואס דער רמב"ם האט אויף זיין רבין עדות גיזאגט אז זיין שכל אין תלמוד איז גיוועזן מורא'דיק, פון דעקט וועגין האט דער רמב"ם גילערינט ביא אים יונגערהייט,

פון

פון דעם איז צוא פאר שטיין די גרויסקייט פון רמב"ם, אז דער רבי ר' יוסף האט זיך שטארק פאר וואונדערט אויף די גרויס פאר שטאנד פון דעם רמב"ם און האט געזאגט פאר אלע בני הישיבה "איך וואלט וויסן אז דער קינד וועט זיין א גרויסער מאן, און וועט באלייכטן מיט זיין שיין כל ישראל".

בעת ההיא) אין יענע צייטן האבן זיך אן געהייבן אין ספרד ווידער פיל אנגסטן אויף אידין, די פאר בלאנדזשעטע שעפסעלע געבאך איז געווארין אפארצוקונג צוא די וועלף און טיגערין פון אינדרע וואס זייא האבן זיך פארשפרייט דענקסט מאל אין יענעם קאנט איין נעמען די לאנד. אין אזא שווערע קריטישע לאגע האט געלעבט דער רבינו מיימון מיט זיין פאמיליע אין שטאט קורטבא, געהאפט און געווארט צוא גאטעס הילף, ביז וואנען זיי זיינען ערמידעט געווארין צוא ערליידין, און מיט גאטעס הילף איז רבינו מיימון מיט זיינע צווייא זין מיט די הויז געזינד אנטרונען געווארין פון דארטין אין די שטאט פאס, וואס דארטין איז געוועזן דער גרויסער היילינער גאון ר' יהודה הכהן, האט דארטין דער רמב"ם געלערנט ביי דעם ר' יהודה הכהן און דער פאטער מיטן ברודער ר' דוד האבן געפירט געשעפטין און האבן געשפייזט דעם רמב"ם, אבער דארטין האט אויך זיי די זון אויך ניט געשיינט לאנג, די אידעשע פיינדע האבן דארטין אויך געטרייבט און דר היילינער גאון ר' יהודה איז אום געקומען אויף קידוש השם און רבינו מיימון מיט זיין פאמיליע זיינען אנטרונען געווארין פון דארטין.

אין דעם יאר תתקכ"ה לאלף החמישי זונטאג ד' לחודש אייר זיינען זייא ארוף אויף א שיף ריידין נאך "עכו", די גאנצע וואך האט די שיף געזעגלט רוהיג, ווי עס איז געקומען שבת איז געווארען אגרויסער שטורעם אפין ים און די שיף האט געהאלטן ביין אונטער גיין, עס איז געווארין גרויסע געוויינן און לארעם, האט זיך דער רמב"ם געשטעלט מתפלל זיין און האט זיך געטאן א נדר אויב השי"ת וועט אויף זייא רחמנות האבן און זייא ראטעווע וועט ער יא אים זיין שטענדיג די צווייא טעג (דער זונטאג אין

וואס ער איז ארויף אף דיא שיף און דער שבת יוד אייר) זיין תענית איף זיין גאנצען לעבין, ער און זיינע קינדער און קינדס קינדער און געבין צדקה דיא ווייט מעגליך, און דעם צעהענטין טאג אייר זאל ער זיך שטענדיג נוהג זיין זיצין סגור ומסוגר און ניט אן קוקען קיין מענטשען נור באוונען און לערנען דעם גאנצען טאג (ער שרייבט מיט דיזען לשון) „אזוי וויא אין דעם טאג האב איך ניט געפונען קיין גוטען פריינד וואס זאל מיך באטעווען פון טויט נור הקב״ה אזוי זאל איך דעם טאג ניט זעהען און ניט ריידין מיט קיין מענטשען נור מיט הקב״ה, תורה און [illegible], הקב״ה האט אן גינומען זיין תפלה און דער ים איז געווארען רוהיג און זיינען גיקומען דעם דריטען טאג לחודש סיון אין עכו, דארטין האבין זייא גיבענטשט גומל און גילויבט השי״ת פיר אלע חסדים, און גימאכט דעם טאג יו״ט און גיגעבין מתנות לאביונים און גינומען אויף זיך צו מאכין אזוי אלע יאר. (דעם טאג וואס דיא זיינען ארויס פון ים לשלום).

ואחר נאך ימים טובים ד׳ חשון זיינען זייא ארויס פון עכו אויף גיין קיין ירושלים אין קאמפאניא מיט הדיין ר׳ יפת ב״ר אלי׳ אויס גיסן זייער ביטערע הארץ ביי דעם כותל מערבי, זייא האבין גירייזט אין גרויס סכנה און שרעק פון די רויבער-באנדעם וואס איז דענסט מאל גיוועזן אויף די וויסטע וועגין, זייא זיינען גיקומען קיין ירושלים בשלום און האבין אויס גיגאסין זייערע ביטערע הערצער און דיא הערצער פון כלל ישראל אויף דיא הייליגע ערטער אין ירושלים און האבין זיך דארטין פאר זאמט ביז ט׳ חשון, פון דארטין האבין זיי גירייזט נאך חברון מתפלל זיין אויף מערת המכפלה (אויף די קברים פון די אבות אברהם יצחק ויעקב) און די צווייא טעג ואו חשון וואס ער האט זוכה גיוועזן צו קומען אין ירושלים און ט׳ חשון וואס ער האט זוכה גיוועזן צו קומען אין חברון האט ער אויף זיך גינומען צו מאכין אזוי וויא יום טוב לויבין השי״ת און פרייליך זיין און געבין מתנות צו אביונים און ביים אוועק גיין פון ירושלים האט ער אזויא גיזאגט „השי״ת זאל מיר העלפין ערפילין מיינע נדרים (אזוי שרייבט דער רמב״ם אין א בריף

און

און אזוי ווי איך האב זוכה געווען מתפלל זיין אין דיא הייליגע שטעט בעת חורבנם (אין זייער פאר ווקסטער צייט) אזוי זאל איך זעהן אונ כל ישראל בנחמתה במהרה אמן":

אולם אבער צום אומגליק האבין זיי זיך אין חברון אויך ניט גיקענט באזעצין כון גרויס יקרות אונ וויסטענעשי — דיא האבין דער הערט אז אין מצרים איז עפעס אשטיקיל ישוב פון אידין אונ זייא לעבין זיך דארטין רוהיג איז זיי גיפעלין אראפ פארין דארטין איבער קומען דיא שלעכטע צייט, דער אלטער פאטער איז פאר-בליבין אין ירושלים ענדיגין זיינע יארין, אונ דער רמב"ם מיטין ברודער ר' דוד מיט דיא הויז גיזינד זיינען גיקומען קיין מצרים אונ האבין גיפונען דארטין אהיבשען ישוב פון אידין וואס לעבין זיך גאנץ רוהיג האבין זיי זיך דארטין באזעצט אונ גינומען האנדלען מיט דימענט-וואהרג ווייל זיי האבין גיהאט אידיעה אין דעם מסחור פון לאנג, אין אקורצע צייט נאך זייער אפ ריידין פון ירושלים האט רבינו מיימון זייער פאטער גינומען אפ שייד פון דער וועלט אונ אוועק אין זיין רוהע אונ נקבר גיווארין אפין הייליגין ארט, עס איז זייא אן גיקומען טרייסט בריף פון אסך שטעט ווארום זייער נאמען איז גיוועז גרויס אונ באוואוסט אין אלע עקין וועלט, אונ כל ישראל האט אים גיקענט אויף זיי, זיי זאלין זייא דער לייכטין דיא אויגין מיט דיא ליכטיקייט פון תורה אונ חכמה:

ימים רבים) אלאנגע צייט האבין זייא גיפירט זייער מסחור פון דימענט וואהרג, ר' דוד האט גירייזט אויף אלע ירידין ווענין געשעפט אונ רבינו משה (רמב"ם) האט פאר היילגט זיינע צייטין צו תורה אונ חכמה. עס איז ניט גיוועזן קיין חכמה וואס ער האט איר ניט ערגרייכט, אויך אין הכמת הרפואה (דאקטאר מדיצין) איז ער זייער גרויס גיוועזן אונ דיין נאמען איז נתפרסם גיווארין אין גאנצע לאנד מצרים:

ויתחתן) ער האט זיך מתחתן גיוועזן מיט איינעם איינעם פון די גרויסע נכבדים, אונ דאס דארטין גיפירט דאס פאלק ישראל אין די הייליגע יארין עטע. ער האט זייא אפ גישיידט פון

דיא

דיא געמיינע קראים (קאראיטעס) אונ פון זייערע מנהגים האט אידן זיינען דענקט מאל פאר מישט געווארן מיט זיא אונ האבן זיך אפ געלערנט פון זייערע חקים אונ מנהגים. אין פערלויף פון דער צייט, האט זיא יעצט דער רמב״ם אפ געשיידט פון די קראים אונ האט זיא איין געארדענט תקנות אונ גוטע מנהגים, בית וואנען ער האט געשטעלט די תורה מיט אידעשקייט אויף אגוטע פוס. ער האט געלערנט תורה מיט אסך תלמידים:

ויהי היום) עס וואר איין טאג האט ר׳ דוד (דעם רמב״מ׳ס ברודער) געדינט נאך מדינת „הודו“ איינקויפן דארטן דימענטן־וואהרע, אונ האט מיט זיך גענומען אסך געלט, אלע האבן געווארט אונ געהאפט אויף זיין קומען לשלום פון יריד. פלוצלונג האט אפיצערטער וואלקן צו שטערט זייער שיין, דאס איז דיא פינסטערע נאכריכט וואס געמט אן אשוידער תעריגדיג אז דיא שיף איז אונטער געגאנגען אין ים הודו אונ ר׳ דוד מיט זייער גאנצן פערמעגן איז דער טרונקען געווארן. דיזע טרויעריגע נאכריכט האט פאר־ווייטאגט דיא הייליגע הארץ פון דעם רמב״ם, אונ פון גרויס שמערצן איז ער קראנק געווארן אונ האט געקרענקט ארונדען יאר, ער האט זיך ניט געלאזט טרייסטן ווייל ער האט אים זייער ליב געהאט אונ זיין געלט איז געווען אן געקויפט אן ר׳ דודס געלט, ווייל דער רמב״ם איז געזעסן פאר זיין קאפ זייער רוהיג אונ האט געלערנט תורה טאג אונ נאכט אן אשום שטערונג, אונ יעצט איז צו שטערט זיין גאנצע רוהע, ווייל ער וואר שוין געצוואונגען צו זוכן אמיטל צו שפייזן דיא פאמיליע אום צוא ערפילן זיין ריינעם אונ אידעלן חאראקטער וואס ער האט ניט געוואלט זיין צו לאסט אויף קיין פרעמדן אונ שפייזן זיך נאר מיגיע כפו:

אך ה׳ הטה אליו חסד) השי״ת האט אן גענומען זיין צער אונ האט געניגט צו אים זיין חסד, אונ האט געגעבן זיין חן אין דיא אויגן פון מלך מצרים אז ער האט אים אויף גענומען פאר דעם קעניגליכן הויף דאקטער אונ האט שוין זיך געשפייזט מיט זיין פאמיליע מיט גרויס כבוד, איינגייאגדיג אין קעניגליכן הויף קאם

ער

ער גרויס גוטעס געטאן אידין אונ האט פון דיא ארעמע געוועזען דעם עול הגלות, אונ אויף דיא אידין פון גאנץ מצרים האט ער אן געהויבן דיא זון צו שיינען. דער רמב"ן (אין איינע פון זיינע בריף) נאך דעם וויא ער רימט ארום דיא גרויסקייט פון רמב"ם אונ איז ווייטער מאריך בשבחו שרייבט ער מיט דעם לשון: „מיר נעמען אויף זיך פאר עדות הימל אונ ערד, פאר מיינע כבודי, אז מיר האבין געהערט פון ווארע ערציילער, אז אין גאנצין קאנט פון מלכות תימן, אסך געמיינדעס פון אידין זיינען עוסק אין תורה אונ מצות לשמה (מיט איין אמת, ניט פאר פארכט) אונ פלעגין דער מאנען מיט עהרענפורכט דעם נאמען פון רמב"ם אין קדיש מיט דיזען לשון: „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון" וואס ער האט ער־לייכטין זייערע אויגין אין דער תורה, אונ האט זייא אוועק געשטעלט אין אליכטיגין ווינקיל אונ האט פון זייא מבטל געוועזען די שווערע גזרות אונ דעם לאסט פון דיא גרויסע מסים (אפ-צאלונגען) אונ האט פאר גרינגערט פון זייא דעם שווערין גלות וואס זייא זיינען געוועזען פריער הפקר אונ גיט געאכט אזוי וויא ליים אונ בלאטע וואס מען טרעט אין גאס, אונ דורך אים האבין זיי געקראגין מענשין רעכט".

(ויהי) אונ עס וואר וויא השי"ת האט אים בארוהיגט פון זיין טלטול (פארוואגלונג אונ אונרוהיגקייט) האט ער פאר קאנצעט זיין פירוש אויף משניות וואס ער האט אים אן געהויבן צוא שרייבין בעת ער איז אלט געוועזען צוויא אונ צוואנציג יאר, ער האט באטראכט אז דיא וועלט איז פוסט פון דיא גרויסע ישיבות וואס אמאל פלעגט צו זיין, אונ דיא תורה ווערט פון טאג צוא טאג וויניגער, האט ער זיך ערבארעמט אויף אונזערע טייערע צירונג עס זאלין איר ניט פארפליצן דיא וואלין פון דיא שטראמיגע אונ רויסיגע צייט, דרום האט ער זיך אפ געאיילט אונ גימאכט א פירוש צו משניות אויף לשון ערבית וואס זיא איז דעמאלט מאל געוועזען מוטער שפראך אונ האט גימאכט הקדמות אונ יסודות וואס ער האט כולל געוועזען מיט זיין גרויס פאר שטאנד אויף יעדער מסכתא, אונ האט ערוועקט דיא לענער אויף דיא עקרים (פונדאמענטן) פון

דיא

די אמונה וואס זיינע באַהאַלטען אין פֿאַרשידענע ערטער פון משניות און דאס איז בייא אים געווען זייער טייער אז יעדער איד זאל דאס לערנען און קלאר זיין אויס וויינית,*) ווארום וויא דער פונדאמענט איז שטארק האט אקיום דער בנין וואס איז געבוים אויף אים, דאס גליכען וועט זיין אידען זיינען שטארק די עקרים פון דיא אמונה דאן האט בייא אים אקיום דיא גאנצע יודעשקייט און דיא מצות.**) און האט פאר קאנצעט דעם פירוש אין מצרים אין דריא און דרייסענטען יאר פון זיין לעבען:

בהיותו) בעת ער איז אלט געווארען זיבען און דרייסיג יאר האט אים זיין קלוגע און פרומע תארץ באוויליגט מחבר זיין דעם ספר „יד החזקה". צעהן יאר נאך אנאנדער טאג און נאכט האט ער געארבעט דיזע גרויסע הייליגע ארבעט און האט איר פאר קאנצעט אין זיבען און פערציגסטען יאר צו זיין לעבען, עס האבען זיך פאר־וואונדערט דיא גרעסטע גאונים און דיא גרעסטע קעפ מענשען אויף דיא חכמה פון דיזין חבור וואס זינט נאך דיא בעלי התלמוד איז נים געמאכט געווארען אזא חבור וויא דער יד החזקה איז:

בהיותו) אין דעם פופציגסטען יאר פון זיין לעבען איז צוא אים געבארין געווארען זיין זון ר׳ אברהם, און נאך אין זיינע יונגע יארען איז שוין ערקענט געווארען אין אים חכמה און פרומקייט, און

*) ז״ל בפה״מ סוף מכות יקר בעיני ללמוד עיקר מעיקרי הדת והאמונה מכל אשר אלמדהו. וכה׳ ממכתביו כ׳ כי זאת רצון התורה וחכמת המצות להתקין הנפש במדותיה ובאמונה הבורא יתברך וע״כ אמר הכתוב רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, ואין הדבר תלוי בתפלות ותפלה וצעקה גלי דעה ואמונה על האמת והכונה זה כ׳ קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותיהם, ועיקר הכל אמונה שום דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא הבורא ית״ש (אחי אחי שים לבך לדבריו עיקרים אלה בכל נפש אתה).

**) אויב דו מיין ליבר לעזער ווילסט וויסען דיא יסודי הדת ועקרי האמונה פון רמב״ם זאלסטו לערנען דעם ספר „לקח טוב" וואס האט מחבר געווען פר בכמה הונדערט יאר הגאון ר׳ אברהם יצ״ל אויף לשה״ק און מיר האבען אים יעצט איבער זעצט אויף זארגאן (געדרוקט בווילנא שנת תרס״ד).

און דער רמב״ם אליין האט אויף אים מעיד געווען אז ער איז אן איבער בעל שכל און אגוטער כאראקטער צו זאמען מיט גוטע זיטען, — ער האט געהאפט אז דאס וועט ארויס וואקסען איינער פון די גרעסטע מענער אין דער וועלט, און השי״ת האט געהאלפען עס זאל ערפילט ווערין זיין וואונש און ר׳ אברהם איז אויס געוואקסין אגדול בישראל אין לערנען און אין פרומקייט:

בעת ההיא) אין יענער צייט האט ער פאר קאנצעט זיין ספר „מורה נבוכים״, אין עס איז צו זעהן זיין גרויס חכמה און זיין צדקות, ער האט אכטונג געגעבן אז די פילאזאפישע ספרים איז זייער פאר־שפרייט און גינומען אין אויף דער וועלט און אלע אידין האבין זיך נאך ניצויגן נאך זייא, און אפ גישייד זיך פון תורה און פאר האסט איר, האט זיך אין אים אן גיצונדין די קנאה פאר דעם שאנד פון די הייליגע תורה און האט באוויזין אין דעם ספר אז נאר די פילאזאפיע און נאר די חכמה און נאר דעם גוטין כאראקטער איז צו זעהן אין אונזער הייליגע תורה*):

---

*) מיר ווילין דא מעתיק זיין אמקצת פון דעם בריף וואס דער רמב״ם האט געשריבען צוא החכם ר׳ שמואל בן התחכם ר׳ יהודא אבן תבון, ווען דער ר׳ שמואל האט געשריבען צום רמב״ם אבריף אים אן צו זאגין דאס ער האט שוין מעתיק געווען דעם ספר „מורה נבוכים״ פון אראבי״ש שפראך אין לשון הקדש, און אויך שרייבט אים ר׳ שמואל אין זיין בריף דאס ער וויל קומען צו אים, זיך משתעשע זיין דאמיט וואס ער וועט ביי אים פארברייגן איינינע צייטען, הערין זיין גרויס חכמה, דארויף שרייבט אים אפ דער רמב״ם און דאנקט אים זייער פיר זיין איבער זעצין זיין ספר „מורה נבוכים״, און אויף דעם וואס ר׳ שמואל שרייבט אים דאס ער וויל קומען צו אים, שרייבט דער רמב״ם אים אזוי: „ליבער ר׳ שמואל, דאס וואס דוא דער מאנסט אין דיין בריף פון דיין קומען צו מיר. קום קום דוא גיבענטשטער פון גאט, און אויך דער גיבענטשטער פון די אלע וואס קומען צו מיר. איך בין זייער

צו פריידען, און פערגעניגענט פון דיין ליבען קומען צו מיר און איך באנגער און געלוקט מיט מיין פולען הערצען צו דיין טייערע בעהעפטונג צו מיר, און איך בין זייער גערן צו זעהן דיין פניב דעם ליכטיגען דעם צימליקען, און צו פרייען זיך נאך מעהר פיר דיין פריילינקייט וואס דוא וועסט זיך פרייען ווען דוא וועסט זעהן מיין פנים, אבער וואהל עם טוט מיר זייער לייד דיין שווערע רייזע וואס דוא וועסט האבען קומענדיג צו מיר, דען דוא דארפסט דאך פאהרן איבערן ים, און נאך אזעלכע סכנות דיגע וועגין, נאר מיין פריידע צו זעהן זיך מיט דיר שטארקט דיא ליידען אריבער, נאר דיזעם מוז איך דיר צו וויסען געבין און איך ראטהע דיר אויך, אז ווען דיר איז שווער דיא רייזע צו מיר זאלסט דוא זיך ניט שטעלין אין סכנה, דען פון דיין קומען צו מיר וועסטו קיינע גרויסע נוצען האבין, נאר דיזעס וואס דוא וועסט זעהן מיין פנים, און דעם כבוד וואס איך וועל דיר טאן וויא ווייט איך וועל קענען, אבער דיר איז דאך בעוואוסט אז דאס איז קיינע נוצען. די נוצען פון דיין קומען צו מיר איז נאר דאס מיר זאלין זיך קענין זיין צו זאמען אין איינזאמקייט צוויא אדער דריא שעה אין טאג און צו פאר ברייגין אין חכמה, אין פילוסופיא, און דאס גלייכין, אבער דארויף זאלסטו זיך נאר ניט ריכטין דען די ביאגראפיע פון מיינע טאגליכע צייטין איז וויא איך וועל דיר דער ציילען.

דאס איז דיר בעוואוסט דאס איך בין אין מצרים, און דער מלך פון מצרים איז אין אלקאירה און צווישין דיא ביידע שטעט איז איין גרויסע שטרעקע (צוויא תחומי שבת נאנג) מוז איך אלע טאג גאנץ פריא גיין צום מלך און מיין דינסט בייא אים איז זעהר שווער, דאן ווען אז עס מאכט זיך דאס דער מלך ווערט ניט געזונד אדער איינער פון זיינע קינדער אדער איינע פון דיינע קעפס-ווייבער טאר איך ניט אוועקגיין פון אלקאירה, ביז אהיבשע צייט נאך האלבין טאג און דאצו מאכט זיך אויך דאס איינער אדער צוויא פון זיינע שרים ווערין ניט געזונד און דאס מאכט זיך אפט, מוז איך זיך אפ האלטין צו ליב זיא אום צוא געבין

זייא רפואות, (מעדיצינען), דער כלל איז איך בין זייער פערטיגע מיט מיין דינסט ביים מלכות, דען אללע טאג מוז איך בייא איהם זיין ביז נאך האלבען טאג ווען אפילו אללע זיינען געזונד, אונ פאר דיא צייט טאר איך ניט גיין אהיים אין מצרים, אונ אויך הונגער איך אללע טאג ביז איך קום אהיים, אונ ווען איך קום שוין אהיים געפין איך אין קאלידאר פון מיין הויז פילע מענשען קריינקליכע וועלכע ערווארטען אויף מיין קומען, אונטער זייא געפינען זיך אללע קלאססען מענשען. יהודים, אראבער, הויכארטיגע מענשען אונ אויך נידער-קלאססיגע מענשען אויך ריכטער אונ בעאמטע, איין פערזאמלונג פון אללע ארטען מענשען. איך גייא אראב פון מיין עזעל, אונ וואש זיך ארום אונ גייא ארויס צו דיא מענשען וועלכע ערווארטען מיר, אום צו בעטען פון זיי פערצייאונג (מחילה) אויף זייער ערדע וואס זייא ווארטען אזוי לאנג, אונ איך בעט זייא, זייא זאלען מיר ערלויבען עטוואס צו געניסען אין מיין מויל, אום צו קרעפטיגען זיך עטוואס. אונ דער עסען איז בייא מיר ניוען איין מאל אין טאג, אונ איך גייא ארויס זייא אללע צו היילען, אונ צו געבען זייא רעצעפטען אונ מידיצין צוא זייער קראנקהייט, אונ אזוי פלעגען ארויס גיין אונ אריין גיין קראנקע ביז צו דער נאכט, אוך בייא נאכט קומען צו מיר מענשען צו לערנען מיט זייא חכמת התורה, אונ איך לערן מיט זייא אונ איך ערקלער זייא גרויסע אונ טיפע ענינים, אונ ווען איך לערן מיט זייא קען איך ניט זיצען אונ ניט שטיין פון פיל שלאפקייט פון מיין טעגליכע מיהע, נאר איך מוז ליגען אויף דעם רוקען איך לערן מיט זייא אזוי פיל ביז איך ווער מיד דאס איך קען שוין קוים ניט ריידען מיט מיין מויל דאס איז מיין ארבייט אללע טאג, דאפאן קענסטו פאר שטיין דאס עס איז אונמעגליך דאס איין מענש זאל קענען מיט מיר זיך צו נאמען איינציגען אין איינזאמקייט אום צו צו ברייגען אין פערגעניגען פון חכמת התורה אונ פילוסופיא נאר שבת׳דיגען טאג, אונ אפילו שבת׳דיגען טאג בין איך פאר זאן מיטען עונג, דען תיכף נאך דעם האווען אין דער פריא

קומט דער גאנצער קהל אדער דער רוב קהל צו מיר אין הויז אונ איך לערין מיט זיא, אונ איך ווייז זיא אגלייכע וועג וויא זיא זאלן זיך פירין דיא גאנצע וואך וואס וועט קומען, סייא אין געטליכע זאכין סייא אין וועלטליכע זאכין צו פירען זיך (על פי התורה) וויא דיא תורה לערינט אונז, אונ אזוי לערנין זיא ביא מיר ביז האלבען טאג, אויך נאך מנחה קומען אויך אנדערע מענשין צו הערין פון מיר גוטע לעהרונג אין חכמת התורה, אונ אזוי פאר ברייניגין זיא ביז מעריב, דאס איז דיא ביאגראפיע פון מיינע טעגליכע ארבייט, וועלכע איך בין צו זיא צו געוואהנט, נון ליבער פריינד קענסטו שוין פאר שטיין אז דיין קומען צו מיר איז זייער ווייט עס זאל זיין צום נוצין פון דיין באנער צו פאר ברייניגין מיט מיר אין פערגעניגען פון שפרעכונג אין חכמה אונ פילוסופיא, דען דאס וואס איך האב דיר דער ציילט מיין ביאגראפיע פון מיין ארבייט אלע טאג איז דאס איין מקצת פון מיין פיהל מיהע וואס איך האב, וויא דוא וועסט אליין זעהן ווען דוא וועסט קומען צו מיר מיט דיא הילף פון דעם בורא ית', אונ ווען דוא וועסט ענדען דעם פירוש אונ דיא העתקה (איבער זעצונג) פון מיין ספר „מורה נבוכים" ווארום וייל דוא האסט אן געהויבין מעתיק צו זיין ביזט דוא שוין בעשולדיגט צו ענדען, וויא דיא גמרא זאגט „המתחיל במצות אומרים לו גמור" דאן זאלסטו קומען מיט פרייד אונ מיט גיזאנג צו מיר אבער נאר צו זעהן זיך פערזאנליך (פנים אל פנים) אום צו פרייען זיך מיט פערגעניגין פון אונזער פריינדליכין אונ ליבליכין זעהן זיך אבער ניט פון נויטבארקייט אום צו לערנין צו זאמען חכמה וויא דוא פערלאנגסט, ווייל מיין צייט איז מיר זייער אייגנ דאהיף וויא איך האב דיר געשריבין, עכ"ל, ביז אהער איז דער בריף פון רמב"ם וואס ער האט געשריבין צו ר' שמואל אבן תבון ז"ל. — ליבע לעזער פון דיזן בריף קענין מיר גוט בעמערקין אונ פאר שטיין דיא גרויסקייט פון רמב"ם, דען דיא ער איז גיוועזן אזוי א טרוד, א דאקטאר ביים קייזער, א גרויסער אנפירער ביא אידען, אונ איז גיוועזן שטענדיג פאר באמטערט אונ

שׁטאָף פון דאָרעוואַנגע וויא ער שׁרייבּט אין זיין בריף פון דעקט
טעגין האָט ער מיט פיל אידען גילערינט חָכמָה טונדליך אונ אויך
גימאַכט אַזעלכע גרויסע חִבּורִים וואָס מיט זייא האָט ער אויף
גיעפענט דיא טויערין פון דער תּוֹרָה אונ האָט ערליכטין מיט זיין
לִבְטיגע חָכְמָה אַלע אידע ווענן בּבדי דיא וואָס וואלין זיין אידען
זאָלין ניט גיעשׁטרויכלט ווערין אין שׁלעכטע גידאַנקין אונ אַלע
זאָלין וויסין דיא תוֹרָה מיט ליכטיגע אויגין אונ מיט אמתין פאַר-
שׁטאַנד, דאַרום האָט ער גימאַכט דעם קלוגען אונ טיפען סֵפֶר
„מורה נבוכים" צו לערנין זיין פאָלק דיא גרונדין פון דת, אונ
אֱמוּנָה, אונ האָט גימאַכט פּירוּשׁ ספרים וואָס אַלע אין כְּלל רופין
זיך ספר „יד החזקה" צו לערנין זיין פאָלק מיט אַליכטיקייט דיא
תורָה אונ מִצְוֹת:

ולעת זקנתו) אין דיא צייט פון זיין עלטער ווערט מען פון זיינע
הייליגע כְּתָבִים אַז ער האָט זוכה גיוועזין צוא דיא הייליגע
מַעֲלוֹת אונ דיא אידעלע הַרְגָשׁוֹת וואָס עס האָבין זוכה גיוועזין צוא
דעם דיא גרויסע צַדיקים אונ אונזערע הייליגע נביאים, השי״ת האָט
אים בּמִטְעַם גיוועזין (גיגעבין צו פאַר זוכין) פון דעם זיסן אונ ציטליכן
תַּעֲנוּג פון גן עדן נאָך פאַר זיין לעבין.*)

תְּעלה) אונ אין דעם יאָר תתקס״ה מאָנטאָג כ׳ טבת אין דעם
זיבּציגסטין יאָר פון זיין לעבין (אין לאַנד מצרים) איז זיין
הייליגע נְשָׁמָה אַרויף צוא איר באַשעפער זעטינג זיך דאַרטין פון
דיא פאַרגעניגין וואָס ער האָט זיך אָן גיגרייט אין דעם פאַרלויף פון
זיינע זיבּציג יאָר לעבין — עס האָבין אים באַוויינט יודין אונ קריסטין
דרייא טעג נאָך אַנאַנד, דעם גאַנצען יאָר האָט מען גיטרויערט אויף
אים, אונ אין דער גאַנצער וועלט וואו עס איז נאָר אָן גיקומען

דיא

*) כמ״ש למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כו׳ כימי השמים על הארץ (זיין היפּוּכין לעבין ארויף דיזע וועלט) כ״פ בהכתב והקבלה ע״ד מאמרז״ל (ברכות יז) עולמך תראה בחייך, וע״ד מאה״כ ומל ה״א את לבבך כו׳ ופי׳ הרמב״ם ויעדי ה״א יה בפסוק לבך כו׳ לאהבה את ה״א כו׳ למען חייך פי׳ כפי שהאלה חיים נעימים ומתוקים.

דיא פריערדיגע נאכריכט האט מען גיפאסט אונ גיפאסט גרויסע חכמים, — אויפין אכטין טאג איז אין גיקומען דיא שרעקליכע נאכריכט אין ירושלים האט מען גוזר תענית גיוועזן אזוי וויא תשעה באב אויף החרבן ירושלים אונ זיא האט זיך צוא זאמען גיקליבין אין דיא שולען אונ גילייענט דיא תוכחה אונ דער מפטיר האט גילייענט אין שמואל פ״ו ויהי דבר שמואל אונ גיקאנצט (כי נלקח ארון אלקים) עס איז צוא גיטשען גיווארין דער הייליגער ארון (דה״ת. דער הייליגער גוף וואס אין אים איז גילעגין דיא גאנצע תורה אזוי וויא דיא לוחות אין ארון הקדש) :

ס

ואחר ימים) אין איינגע טעג ארום האט מען אים גיטראגין אין זיין ארון פון מצרים קין ארץ ישראל מקבר זיין (אזוי וויא יעקב אבינו ע״ה) זיינען באפאלין אפאנדערע רויבער אויפין וועג, זייגען אלע מענשין צו לאפין אונ גילאזין זיין ארון ביא די גזלנים האבין דיא גזלנים גיטשען דעם ארון אונ גיוואלט אריין ווארפין אין ים אבער עס האט זיא ניט גיגליקט וויא האבין אים ניט גיקענט רירין פון ארט, וויא האבין זיך גימאטערט אלע (אפאנדערע פון די רייסנ מאן) מיט אלע קרעפטין אונ דער ארון האט זיך ניט גירירט פון ארט, וויא די גזלנים האבין דער זעהן דיא שרעקליכע סצענע זייגען זיי גאר אויסער זיך גיווארין אונ זאגין איינע צו די אנדערע דאס איז בנוראי וויער אהייליגער מאן, זייגען זיי גינאנגען אונ צו זאמען גירופין דיא אידין אונ האבין דיא גיבעטין רחמים וויא זאלין אים פירין אין זיין רוהע, אונ דיא גזלנים האבין אים באלייט די גאנצע וועג אונ מיא האט אים גיבראכט קין טבריא אונ מקבר גיוועזן לעבין דיא הייליגע אמוראים ר׳ יוחנן אונ רב כהנא :

כנו) זיין זון ר׳ אברהם איז דעמאלט אלט גיוועזן צוואנציג יאר, ער איז גיוועזן אגרויסער גאון אונ אצדיק האט מען אים אויף גענומען אין מצרים פיר אהאר איבער זייא. אונ נאך אים איז גיוועזן זיין איניקל ר׳ דוד אויך אגרויסער חכם אונ אשר נכבד ער האט מחבר גיוועזן זיין ספרים אויף תורת אויך אפערטער אונ פינפטער דור זייגען באוואוסט פיר גאונים אונ צדיקים, אויך איז

איז מקוים געווארין דער פסוק (תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ) ד. ה. דיינע קינדער וועלין באטרעטין די שטעלע פון דיינע עלטערין אונ וועלין זיין הארין אין דער וועלט. השי״ת זאל אונז מיט אונזערע קינדער מזכה זיין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים אונ מקיים זיין וואס אין זייא שטייט אונ מיר זאלין אים זוכה זיין צו זעהן בעת תחיית המתים ב״ב אמן:

# צוואת הרמב"ם ז"ל

נדפס בלשה"ק (בסוף ספר "לקח טוב" לר' אברהם יצ"ל ז"ל) בשם מוסר נאה מאד מאד מהרמב"ם ז"ל לבנו הרב החכם ר' אברהם ז"ל.

**אברך** איך טוא לויבין השי"ת וואס ער האט מיר די עצה גיגעבין (איך זאל אים מקבל זיין צו דינען אים) אונ אין דיא אמתע וועג האט ער מיר גיפירט, דיינע גינאדע טוא איך דער מאנען אויף אלע טטעם וואס ער האט מיר פאר געלטינט, ער האט מיר געשטראפט מיט יסורים אום מיך צו לייטערין פון מיינע זינד אבער צום טויט האט ער מיר ניט איבער גיענטפערט, מיט זיין רעכטע האנד האט ער מיר אן גענומען אונ אונטער דעם שוטין פון זיין האנד האט ער מיר באהאלטין (בעת עס איז גיקומען פורעניות אויף דער וועלט), פון דיא לידונג פון גלגל (ד. ה. די וועלט וואס דרייט זיך ווי א גלגל) האט ער מיר ארויס גיצויגען, אונ פון זיינע אום קערונג (וואס דיא וועלט דרייט זיך פון רייך אויף ארעם, פון גליק אין אונגליק) האט ער מיר גירעטעט, אין דעם טייגל פון דער צייט האט ער מיר גילייטערט, אונ פון דיא שוואכקייט פון יונגשאפט האט ער מיר ווייס גימאכט, אונ פון דיא יונגענט ווילדיקייט האט ער מיר אפ גישיט, פון דיא מלחמה פון יצר הרע האט ער מיר באוואהינט אונ האט אן גישריען אויף דעם נחש וואס האט מיר אן גירעט צוא שלעכטס, אונ פון זיינע זיסקייט האט ער מיר געמאכט פאר וכען אונ פון דער ערד האט ער מיר אויף גישטעלט, אונ מיט גרויס ארטיגע אדיל לייט האט ער מיר גיזעצט, דיא טעג האבין מיר גילעריינט, אונ דער נסיון האט מיר גיקליגט אונ דיא צייט האט מיר מכבד גיוועזן (ערקלערט דיא טטע וועג), אונ ביז יעצט (ביז דיא מדרגה וואס איך האלט יעצט) האט ער גיבענטשט אונ מחיה גיוועזן, פון דעם צווייטין האט ער מיר גימאכט פאר שטענדיג אונ ער האט מיר געמאכט פאר שטיין איך זאל וויסען דעם אונטערשייד צווישין גוטס אונ שלעכטס, אז אין זיין האנט איז מיין ענדע האט ער מיר געמאכט וויסין, אבער איך אליין ווייס ניט ווען מיין צייט איז צוא שיידין זיך פון דער וועלט, דרום זיין ליבשאפט האט מיר ער-וועקט, לאזין צוואה מיינע קינדער וואס ער האט מיר הונן גיזעס

אז זייא זאלין היטין גאטעס וועג, אונ לערנען זייא דיא חכמה וואס ער האט מיר גילערינט, אונ מאכין זייא ארבין דאס וואס ער האט מיר געמאכט ארבין, איידער ער וועט מיר צוא זיך רופין, אונ זיין כבוד וועט מיר צוא אים איין זאמלען.

שמעוני בני, הערט מיר צו מיינע קינדער, איר זאלט זיין גיבענצט פון גאט דער באשעפער פון הימיל אונ ערד, ער זאל אייך בענטשין הימלס ברכות (ד. ה. אלע גוטעס וואס דער הימיל טהוט געבין אויף דער וועלט), ער זאל אייך בענטשין דאס אבגרונד בענטשונג (ד. ה. אלע בענטשונג וואס דער אבגרונד טוט געבין אויף דער וועלט), אויך זאל ער אייך בענטשין מיט פריידען צו געבירע קינדער (ד. ה. דיא פרויען זאלין גרינג געבירען), אונ זייא גוט צוא דערנערין, עס זאל קיין מאל ניט פעליג זיין זייער שפייז, שטארקט זיך צו זיין מענטשין, פירכטעט זיך פאר אייער גאט, דער גאט פון אייער פאטער, דער גאט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב, אונ דינט אים מיט גאנצע הארין מיט ליבשאפט (ד. ה. זיין ליבשאפט זאל ערפילען אייער גאנצע הארץ) ווארום יראת בריינגט זהירות (צוא זיין אפ גיהיט פון זינד) אונ אהבה בריינגט זריזות (גישווינדיגקייט צוא מצות), איר זאלט וויסין אז גאט וועט בריינגען צום משפט אלע מעשים פון מענטשין סייא וואס ער טוט בגלוי (אנדעקט) סייא בנעלם (פאר באהאלטענערהייט) ד. ה. ער טוט עבירות מענטשין זאלין ניט זעהען, אדער ד. ה. סייא וואס ער טוט מיט דיא אברים וואס זיינען אנדעקט אונ סייא וואס ער טראכט אין דיא גידאנקען אויף גוטס סייא אויף שלעכטס (ד. ה. השי"ת וועגט אלין סייא ביא אמצוה סייא ביא איין עבירה ח"ו מיט וואס פאר אזריזות אונ מיט וואס פאר איין חשק אונ מיט וואס פאר אשמחת ער האט גיטאן דיא מצוה אדער דיא עבירה ח"ו), דער וואס פירט זיך אין אגוטע וועג צאלט אים השי"ת דיא פירות פון דיא מצוה בעוה"ז, אלע וואס זעהען אים, לויבין אים, אלע וואס קענען אים רימען אים, ווייל איז יענעם וואס ער פירט זיך אין גוטין וועג צוא גאט אונ צוא לייטין, אונ אז עם וועט ערפילט דער צאל פון זיינע

טאג, בעת ער נעמט אפ שייד פון דער וועלט פרייט ער זיך מיט זיינע גוטע מעשים און דיינעט ווייניג-וואס וועגן שטארבן, ווייל ער האט ניט קיין זינד פאר וואס מורא צו האבן, פאר קערט ער האפט נאך צו איין גוטין לוין צו זעהען אין די גוטעס וואס השי״ת האט באהאלטין פאר די יראי שמים, און זיין הויז געזינד וועט השי״ת אויף ריכטין זיי זאלין ערסיכטיגע ביז אייביג — אבער דער וואס פאר דארבט זיין זיעג (ער פירט זיך שלעכט אויף אויף דער וועלט נעגן השי״ת אדער נעגן מענטשין) און יאגט זיך נאך שלעכטעס, וועט די שלעכטעס אים נאך יאגין און גרייכען און פארדארבין זיינע מעשים, דער וואס זעהט אים פאר קרימט אויף אים זיין מויל, און באליידיגט אים מיט די לעפצין, און בעת ער שיידט זיך פון דער וועלט טוט אויף אים זיין לייב ווייטאגין און זיין נשמה טוט אויף אים טרויערין ווארום ער איז אן געברייט צו פינצטערנעס פון קבר און גיהנם, און מיט די פינצטערנעס ווערט זיין נאמען אויס געמעקט, און זיין פאמיליע גייט צו שטראנד, קיינער לייגט אויף זיי קיין מיטלייד ניט איבער די שלעכטקייט פון זייער פאטער.

אחלי לפניכם איך בעט אייך מיינע ליבע קינדער איהר זאלט דער קענען דעם יתרון פון די ליכטיקייט (ד. ה. די גוטע וועג) אויף די פינצטערנעס (ד. ה. די שלעכטע וועג) און זייט מסאס (פאר האכט) דעם טויט און דאס שלעכטס (דאס איז דער אויף פירונג פון די רשעים) און קלייבט זיך אויס דעם לעבין מיט גוטעס (דאס איז דער אויף פירונג פון די צדיקים) ווארום דעם רשות צו פירן זיך אין גוטען וועג אדער אין שלעכטע חו איז אפ געגעבין צום מענטשין. וויא ער וויל אזו פירט ער זיך, קיינער צווינגט אים ניט — געוויינט זיך איין אין אלע גוטע מדות ווארום דער נאטור פון מענטשין ווערקסילט זיך נאך די געוואוינהייט, „און די געוואוינהייט איז די צווייטע-נאטור", — איהר זאלט וויסין אז (שלמות הגוף) דאס הייסט זיך אויס בילדין דעם כאראקטער (די מדות) איז פריער פאר שלמות הנפש (ד. ה. אהבת ה׳, יראת ה׳

דבקות

דבקות פח (ר״ת איד שבוה תלוי שלם״ת נפש ח״שראלי) וואס איין איד איז זוכה צוא דעם, דורך זיין לערנען תורה לשמה, אונ שלמות הגוף איז וויא אשליקיל וואס עפינט אויף דעם זאל (דאס איז שלמות הנפש) ווארום ווען דר מענטש איז פאר דארבין אין מדות אונ חאראקטער איז ער ניט זוכה צוא שפירין דיא זיסקייט פון דער תורה אשר דרכיה דרכי נועם כו׳ ומתוקים מדבש ונופת צופים *) אונ איז ניט זוכה צוא נעטליכע וויסענשאפט, דרום זאל זיין אייער כוונה זיך אויס בילדין דעם האראקטער אונ איין פלאנצין אין זיך גוטע מדות כדי איר זאלט זוכה זיין דורך דעם צוא פאר שטיין דיא טיפקייט פון דער תורה, עס זאל פאר אייך גיעפינט ווערין דיא טויערין פון היכל (ד. ה. דיא סודות פון דער תורה).

---

*) אונ דאס קען זיין דיא כוונה פון דיא פסוקים (תהלים קי״ט) „אשרי תמימי דרך" וגו׳, דער נאמען „תם דרך" קען מען זאגין דיא כוונה אזוי וויא איינער וואס ער וואהר געשיקט אויס צו זעהען אוועג פיר רייזענדער, מוז ער אכטונג געבין אויף דיא גאנצע שטרעקע עס זאהל קיין שום שטרויכלונג ניט זיין, ניט קיין גריבער, ניט קיין שטיינער, ניט קיין זומפען, אונ ווען ער זאהל פאר זעהן איינגע ווארטין קען זיין אז דארטין געפינט זיך דיא אלע שטרויכלונגען אונ נאכהער ווען דיא רייזענדע וועלין דארטין דורך גיין וועלין זייא אלע געשטרויכלט ווערין אונ ער אליין (דער דורך זעהער) ווערט אויך געשטרויכלט, אדער מען קען זאגין דעם משל, ווען מען וויל מאכין א ליניע דער באהן זאהל אויף איהר גיין מוז מען אויס גלייכין דיא גאנצע וועג פון דיא ליניע אונ לייגען רעלצעס, אוס אונד אוס, אונ ווען מען זאהל אין איין ארט פאר זי׳, צוא פאר גלייכען, אדער צו לייגען א רעלצע, זייגען דיא פאסאזירען אין גיפאהר ח״ו, דיא זעלבע איז אויך ווען דער מענש איז פריער געגרינדעט מיט גוטע מדות (זיטען) אונ פאר גלייכט פריער זיינע מענשענשאפט עס זאהל זיך אין איהם קיין קרומקייט געפינען, נאר ער טוט אלס וואס גלייך איז וויא עס שטייט אין פסוק (ועשית הישר והטוב) ד. ה. דוא זאלסט טאן וואס גלייך אונ גוט איז, נאך דעם אז ער וועט לערנען תורה וועט ער הנאה האבין פון איהר זיסקייט אונ פון איהר טיפקייט (דעם טיפען שכל) אט דאס זאגט דער פסוק (אשרי תמימי דרך) ווייל איז ווען דיא מענשין וואס זייא הייסען „תמימי דרך" (ד. ה. „גלייכע וועגין" וויא מיר האבין פריער ערקלערט אין משל) „ההולכים בתורת ה׳" ווען זייא גייען אין גאנס תורה, דען ווען דער מענש איז ניט אויס געבילדעט אין גוטע מדות (זיטען) איז ווען ער לערינט תורה קען ער נכשל ווערין אין עפולע שלעכטעס, אונ אויך ער מאכט אז אנדערע זאלין אויך נכשל ווערין וויי מען לערינט זיך אב פון איהם, דען מען זאגט אז יענער לערנט מהוש אזוי ווא

איהר זאלט זיך פידן וויא נכבדים, פאר מיידעט זיך פון דיא קאמפאניעס פון קלים (לייכטזיניגע) אונ פון ליידיג גייער אונ פון גילעכטערלאך פון יונגע לייטלאך. ווייל פון דעם וואקסט שלעכטע פרוכט, איר זאלט זיך שטענדיג גיפינען אין דיא קאמ־פאניעס פון וויכטיגע מענשען אונ חכמים, נור שטיין פאר זיא מיט ענוה אונ הכנעה, אונ שטיין אין דעם נידעריגסטען ארט, אונ לייגט צו אייער קאפ אונ עפיגט אויף אייער הארץ אין צו הארכין אונ צו פאר געמען זייערע רייד וואס זיי שענדין אונ וואס זייא לויבען. יעדער זאך זאלט איר איבער חזרן אין דיא גיוויכט פון שכל. היט אייער מויל אונ דעם צונג פון צו מערין רייד פאר זייא. וועגט אייערע רייד ווארום דורך מערין רייד וועט גימערט ווערין אייערע טעותין. איר זאלט זיך ניט אויס פיינען אונ גרויס האלטען פאר דיא חכמים אונ ניט שעמען זיך צו פרעגין וואס פון אייך איז פאר הוילין נאר אין דער צייט ווען עס פאסט אונ מיט אלשון וואס עס פאסט — רעדינט אויס אונ וועגט איבער יעדער זאך איידער איר לאזט ארויס פון מויל, ווארום נאך דעם קען מען שוין ניט אום קערין. — ליבט דיא חכמת התורה גילוסט איר וויא געלט אונ זוכט איר וויא באהאלטענע אוצרות — זאלט זיך אין דיא הייזער פון חכמי התורה וואס לערנען אליין אונ לערנען מיט דעם צווייטין, דארטין זאל זיין אייער שפאציר גאנג. אונ נעמט זיך פארזיניגן הערינדיג פון זייא חכמת התורה אונ מוסר, חדושי תורה אונ פלפול. — זיים

מקנא

זאלין מיר שוין מאהן", אונ דאס בישטייט אויך דהמע״ה אין דיא פסוקים (אחלי יכונו דרכי) ד. ה. איך ביטטע דיר גאט אז מיינע וועגין פון מיין וועלט רייזע זאלין ווערין גום צו געריכט, דארום איך זאל קענען (לשמור חוקיך) היטען דיין תורה, (אז לא אבוש בהביטי אל כל מצותיך) דען אז דער מענש האט אין זיך גוטע מדות, אונ לערינט ניט אונ וויים ניט דיא תורה, וועט ער האבין פיל שאנדע דאר פון בעוה״ב, אונ ווען ער וויים דיא תורה אונ לערינט איהר, אבער ער האט ניט אין זיך קיין גוטע מדות (זיטען) וועט ער אויך האבין דער פון פיל שאנדע בעוה״ב, דאס זאגט דהמע״ה (אז לא אבוש) ווען וועל איך זיך ניט שעמען (בהביטי אל כל מצותיך) ד. ה. ווען איך וועל אין זיך האבין גוטע מעלות, גוטע זיטען אונ לערנען דיא תורה.

מקנא דיא וואס קענען דיא תורה אונ פאר ראכט אין הארצין דיא עולמ'ס (דיא וואס ווילען ניט קענען) — אז איר וועט עפעס הערען אדער ענטפערין זאלט איר ניט פלוטערן אונ ניט שרייען, רעט מיט א שיינעם אוים שפראך, באוואכט אונ רוהיג, איערע ווערטער זאלין זיך ציהן צום ענין וואס איר רעט דיא איינער וואס וויל זיך לערנען אונ זוכט דעם אמת ניט וויא אקריגער וואס זוכט נאר נצחון. פאר נאכט זיך דארטין מיט אייער גמין ווילען אונ זייט זיך מתבונן צו באקומען דארטין איין נוטין כאן וועט אייך צימליך זיין אונ ניט צו שווער זיין. אבער ווען איר וועט פארטאנדער לאזין איערע גידאנקען הין אונ הער, איז לא די וואס איר וועט קיין רוח ניט זיין, איר וועט אפילו דעם קרן אויך פאר לירען. ווארום איר וועט זיך טאגען ווייניג אוים לערנען אונ עס וועט אייך זיין צו לאסט דיא אויסהאלטונג דארטין אונ עס וועט אייך אפ שוואכין דעם קערפער אונ בעת איר זייט צרוים פון רבין ריינקט זיך איבער וואס נעמט איר מיט אהיים, ועצט דאס איין פעקט אין מוח אונ בינדט דאס

איין אין הארצין:

לעריכם אין אייער יוגינט בעת אייער שפייז איז און גיברייט, אונ
אייער הארץ איז נאה ליידינג פון טרדות הפרנסה אידער
דיא וועט פול ווערין מיט טרדות אונ דער כח הזכרון וועט אפ גישוואכט ווערין. ווארום עס וועט קומען א צייט וואס איר וועט שוין וועלין לערנען אבער דיא צייט וועט אייך ניט ערלויבין אונ דיא ביסעלע וואס איר וועט שוין קענען לערנען אין דיא עלטערע יארין וועט איר זיך נאר פאר מאטערין מיט ווייניג נוצין, ווארום דיא הארץ האלט ניט נאך דיא מוח (ד. ה. דיא מוח רעט אונ דיא הארץ איז טרוד אין דאגות אונ טרדות) אונ אפילו דיא ביסעלע וואס דיא הארץ וועט שוין און יאגען דיא מוח וועט זיך גאנץ קורץ אין האלטין אין אייך. אונ איר וועט דאס גיך פאר געסען. ווייל דיא יונגע יארין זיינען פונקט וויא דער וואקס וואס האט דיא יונגע יארין וויא טונקאנין. שפעטער איז יעדער
מינוט וויא צגרויסע שאך:

איך ענטפּער אייך איבּער מיינע דברי מוסר אין האנט. איר קענט
דער פון ציהען גרויס נוצען ווען איר זאלט לערנען אונ חזרין
צוא פאר שטארקען דעם אמת אונ אפּ טאן דיא פארפלאנטערונג. —
נוען איר וועט גיפינען אין תנ"ך אטיפען פּסוק אדער אפּרשטעלטען
מאמר אין תלמוד, וואס איר וועט ניט פארשטיין זיין בּונה אונ אייך
וועט זיך אפּ דאכטין אז ער איז כותר פּנות התורה, אדער אזוי
רייד וואס גיטין קליינעם שכל דוכט זיך אז זייא זיינען ניט קיין
קלוגע רייד, זאלט איר זיך ניט אראפּ רוקין פון דיא אמונה אונ זאל
ניט מבולבל ווערין אייער שכל. האלט זיך פעסט אין דיא אמונה
אונ דעם פעלער הייגט אין אייך אין (אז אייער שכל איז קורץ־
זיכטיג צוא פאר שטיין דיא זאך). לייגט דאס אפּ אן אזייט את
פאר אונווידיגט ניט אייער אמונה ווייל איר פאר שטייט ניט דעם
מאמר הז"ל אדער דעם פּסוק פון תנ"ך. דען גאט מאכט וויסען דיא
וועג וויא צו פארשטיין דאס, צו דיא היילינע מענשין וועלכע זיינען
ווירדיג דאס צו פארשטיין, דען נאר ער ווייס איר ארט (וואס דער
גידאנק פון דעם פּסוק אדער דער מאמר איז):
ליבּט דעם אמת אונ דיא גירעכטיגקייט אונ באהעפט זיך אן זייא
ווארום איר וועט מצליח זיין מיט זייא, אונ דיא הצלחה פון
דיא עסקים וואס זיינען גיגרינדעט אויף אמת וצדק איז אפּעסטע
הצלחה וויא איינער בויעט אויף אשטארקין פונדאמענט פאר
האכט שקר אונ עולות אונ גילוסט ניט צוא זייער גישמאק ווארום
דער בנין וואס מען בויט אויף שקר אונ שווינדעל איז וויא איינער
בויט אויף זאמד נאר עט וואס אריר פאלט דאס איין — דרום זאל
בייא אייך זיסער זיין דער אמת אונ צדק אפילו אייך וועט זיך
אויס דוכטין צו האבּין היזיק פון דעם, בעהער אונ מערער פון שקר
אונ עולה וואס אייך וועט זיך אויס דאכטין צו פארדינען פון דעם,
אונ אזוי זאגט דער חכם שלמה המלך (אמת קנה ואל תמכור)
ד. ה. לאז זיך קאסטין געלט אויף דעם אמת אונ פאר קויף אים
ניט צו ליב געלט — איר זאלט וויסין אז דער אמת אונ דער צדק
זיינען דיא הקשיטין פון דיא נשמה (וואס דיא נשמה צירט זיך

סים

כים זיא אוים) אונ זיא גיבן שטארקייט אונ פאר זיכערונג אונ עהרליכקייט צום קערפער — אונ איך האב ניט גיפונען אזא טייערע רפואה צו טרייבן דיא הארץ וויא דיא צוא זאמען מישונג פון אמת מיט צדק, אונ עס האבן מיר ניט אזוי באפעכטיגט אונ בארוהיגט מיינע קאמפאניעס פריינד אונ דיא שטארקסטע פעסטונגען אונ שווערד אונ פאנצער וויא דיא הוט פון אמת אונ דער פאנצער פון צדק. דרום מיינע ליבע קינדער אז עס וועט קומען מיין צייט צוא שיידן זיך מיט אייך אונ מאכן אייך צו ערבן דאס וואס השי"ת האט מיר גימאכט ערבן וויל איך מאכן צו ערבן דיא מדה פון נאמנות (ערליכקייט, ריעלקייט פינקטליכקייט, דער „יא וואָרט" זאל זיין יא, דער „ניין" ניין) וואס דורך דעם האט מיר דער בורא ית"ש גימאכט ווערבן מיין רייכטום מיט דיא גדולה, וואָרום בעת איך האב זיך גישייד פון מיינע עלטערן איז מיר נאר גיבליבן מיין שטעקן אונ מיט אים בין איך גיפארן פאר דינען מיין ברויט שפייזן דיא פאמיליע, אונ השי"ת האט מיר גיבענטשט אונ האב דער לאנגט אזוי אהויכע שטופע אונ דורך וועמען? נאר דורך דיא נאמנות, דיא נאמנות האט מיר רעקאמאנדירט אונ אריין גיבראכט אין אזעלכע הויכע ערטער וואו מיינע קרובים אונ פריינד האבן ניט דערלאנגט, אונ האט מיר גימאכט ירשענען וואס מיינע עלטערן האבן מיר ניט גימאכט ירשענען, אונ האט מיר גימאכט גיוועלטיגען אז איך האב גיהאט צוא שאפן אויף גרעסערע אונ בעסערע פון מיר, אונ האב מצליח גיוועזן אונ זיך גיטריין גיטאן אונ דעם צווייטן אויך, דרום פאר זאג איך אייך מיינע ליבע קינדער אז איהר זאלט זיין זהיר אין נאמנות צוא אלע פערזאנען סייא אידן סייא אנדערע נאציאנען, קיינעם ניט נארין אונ ניט נאכוועגען זיין דעת — האלט אייער וואָרט, זאל זיי אייך ניט זיין וויכטיגער אייער אונטער שריפט וואס איהר שרייבט מיטן האנט וויא אייער וואָרט וואס איהר רעדט מיטן מויל, (דיא מויל שטייט העכער וויא דיא האנט), דיא צווייא וויכטיגקייט (צוא רידין מיטן מויל אזוי אונ טראכטן אין זיך אנדערש) ווארצילט

אוים

זיים פון זיך, און דאס גלייכן נאר אזארט קרומקייט און שווינדלעריי און פוילקייט, וויא איז דעם וואס בויט זיין הויז אויף דעם, אין זיינע העלפט יאהרן וועט ער איר פאר לאזן און זיין ענדע וועט זיין שאלקהאפטיג — לעבט אין תמימות און אין ציכטיגקייט און רעדט ניט אן קיין פרעמדע אויף דאס מינדעסטע — פאר זוכט ניט אויף אהער דאס וואס ניט אויף געווים אייערע, און דיא זאך וואס אייך איז אספק צו עס איז אייערע אדער יענעמס, אנטלויפט פון דעם און שטעלט דאס אין יענעמס חזקה (אז פון הספק איז דאס יענעמס) — איר זאלט וויסן אז ווען מען פאר זוכט נאר איין מאל פון אספק (טאמער איז דאס מיינע) ציהט דאס ביסלאך ווייס אריין אן צוא רידן וואס עס איז געווים יענעמס, און אביסעלע ברייננגט צוא אפולע און פאר בארגינע ברייננגט צוא עפינקליכע זאכין ביז וואנע: מיא וועדט אמוחזק פאר אקיסלער אגנב און אגזלן און איין אן זעצער, אנטלויפט פון דעם וויא ווייט די אויגן טראגין, דער שקרן לעבט אין בושה און שטארבט אין חרפה, דאס אלין זאג איך אייך וואס איך האב אויף מיין לעבין געזעהן און פראקטיצירט און האב זיך אראפ גענומען אמוסר אז דיא זאס טראגט מעקענע גיבירט זיא שקרוי און דער וואס זיים נידערטיגקייט שניים ער גינארע. יהדיגט זיך מיט מוסר און שעצט זיך גליקלאך מיט נאמנות ווארום עס איז ניטא אזא ירשן וויא דער ערעל מאן מיט גוטע מדות און עס איז ניטא אזא רייכע ירושה וויא נאמנות — זייט מקרב אפילו אייערע ווייטע קרובים, ברענגט זיך איין צוא אין נידעריגין פון אייך, ווייזט אפבילכען פנים צו עלינדע און שפלע מענשין, ערפארימט זיך אויף אביונים און פאר שעמטע, ערפרייט דיא אין אייערע שמחות און דער מאנט זיך אן זיא אין אייערע ימים טובים מיט דיא גוטעס וואס גאט האט אייך געבענטשט, נאר היט זיך זייער זיא זאלין ניט פאר שעמט ווערין דורך אייערע געשאנקען — איר זאלט זיך ניט פאר מידין גוטעס טאן וויא ווייט אייער מעגליכקייט איז נאר ווענדן איר קענט — פאר מאכט דיא לידיגע גיין און פאר מאכט דיא רוחות דערין ווארום

דער

דורך דעם ווערט פארדארבן דיא געזונד מיט דיא קעשענע מיטן
שכל מיטן סאראקטער , אונ דיא לײדיג גײן אונ פױלקײט איז
צװײטער פארין שטן ארויף צו קריכן דעם מענשין אויפן קאפ ,
אונ פון יעדער ארבעט האט דער מענש אנוטצין אפילו ווען ער
פאר דינט ניט פון איר . לפחות איז ער ניט לײדיג געװעסין :

איך װאלט ניט פאר אונװירדיגן אײער װעלע מיט מחלוקת װאס
דאס פאר לענט דעם קערפער אונ דיא נשמה אונ די געלט ,
הײנט װאס בלײבט אים איבער , איך האב געזעהן ליכטיגע זײנען
פינצטער געװארין אונ הארין זײנען שפל געװארין , אונ פאמיליעס
זײנען צוא שטאנד געװארין אונ גרויסע לײט זײנען אראפ פון
זײער גדולה אונ גרויסע שטעט זײנען אום געריסן אונ װיסט
געװארין אונ גרויסע געזעלשאפטן זײנען צו שפרײט געװארין , אונ
פרומע לײט זײנען קײלע געװארין אונ בעלי נאמנות זײנען פאר
לארין געװארין אונ אן שטאנדיגע מענשין זײנען גרינג אונ פאר
שעמט געװארין אלץ דורך מחלוקת , נביאים האבן נביאות געזאגט
אונ חכמים האבן געזאגט קלוגע רײד אונ פילאזאפן האבן ערקלערט
אונ פארגלײכט דיא אונגליקן װאס מחלוקת ברײנגט אונ דאס איז
נאך אלץ גאר ניט , מחלוקת ברײנגט צוא אזעלכע אונגליקן װאס
קײן נביא אונ קײן חכם אונ קײן פילאזאף איז ניט אום שטאנד
דאס ארױס צוא שרײבן , דרום מײנע ליבע טײערע קינדער פאר
מײדט איר אונ אנטלױפט פון דעם װיא פון אגיפטיגע שלאנג אונ
ענטפערנט זיך פון די מענשן װאס ליבן איר אונ האבן גאר צו
טון מיט דעם . אונ אפילו אײערער אײן גאהײמער קרוב װען ער איז
אנדערער סאבט זיך פרעמד צו אים אונ ענטפערנט דין והתקרבות .
באמערט נעמט איר נעמען אפיל אין זײנע נידר , פארמיסט זיך אונ
שטעלט זיך גלײך מיט דיא מדת הסבלנות (פאר לײדין אלץ , ניט
שפילן אויף דיא פידעלע קײן מאל) װארום דאס איז דיא גרעסטע
גבורה אונ לכדר מארשער גנצון , װארום װען איר װעט זוכן נקמה
נעמען פילײכט װעט איר עס ניט ערגרײכן אונ ניט אויס פירן
װעט איר זיך גאר אן טאן פארדרוס אונ שאדן גאר צו ברײנגען

צו די בושה נאך הקפה מיט דעם וואס איר וועט ניט אויס פירן און רעכענט אפילו ווען איר וועט אויס פירן און וועט זיך שוין נוקם זיין אן יענעם, באטראכט וואס פיר נוצן האט דאס אייך געבראכט, כמעט ניט וויא פאר זינדיגט זיך קעגין השי"ת וואס ער האט פאר זאגט אין דער תורה „לא תקום כו'" איר זאלט זיך ניט נוקם זיין (ראכע נעמען) אן דעם צווייטין און בארעכענט זיך וואס פאר אומווירדיגע פריזענטין דיא ראכע האט אייך געבראכט, פיינד-שאפט אייביגע צווייטען, איין מערדישע הארץ, צו מישטין שכל צו שטערט דעם שלאף, צו מישט דיא ארבעט, אנדערעט אייערע פעלערין פאר ענדערונג אין פנים (טיראנישע געזיכט) פאר דארבין דעם כאראקטער און מענשליכען געפיל, מיט אזעלכע שמוציגע פריזענטין האט אייך דיא ראכע באשאנקען דרום זאלט איר זיך נעמען אין זין און ערקענען דיא מעלות פון סבלנות מיט דעם וועט איר פאר היילגט זיין אין דיא אויגין פון אייערע פיינד, זייא וועלין ערקענען אייער אדעלען כאראקטער, הגם איר קענט נעמען ראכע פון זייא פון דעקט ווענין פערציעט איר זייא און טראגט ניט נאך קיין פיינדשאפט אויף זייא, וועט דער מאוויסט זייא אזוי ווייט ברענגען אז זייא וועלין חרטה האבין אויף זייער נארהייט וואס זייא האבין אייך שאדין געטאן און אייער זעלע וועט זיין זייער גרויס געאכט ביי זייא אין דיא אויגין, און זייא וועלין זיך [illegible]ער צייגין און טאן מיט אייך גוטעס, דאס איז אויב זייא זיינען מענשין מיט פולין פאר שטאנד, און אויב זייא זיינען נארעשע און שאלקהאפטיגע מענשין וועט דאס זייא קרענקען, ווארום פירט איר זיך ניט אזוי וויא זייא מיט פארדארבענע מדות, וזלזולים, באליידיגען, ראכע נעמען, וועט איהר קענין אויף זייא מיט דעם קרוין פון מוכר און אדעל — פירט זיך מיט ענוה, ווארום די מדת ענוה איז וויא אלייטער וואס אויף איר גייט מען ארויף צוא דיא העכסטע מדות און מעלות, און מיט דיא מדות וועט איהר קיין מאל ניט האבין קיין ליידין, באדיינקט זיך, אז עס איז ניטא אזא צירונג וויא ענות, משה רבינו ע"ה דער נביא פון אלע נביאים האט דיא תורה אים ניט אזוי באריהמט מיט אלע מדות וויא מיט ענוה

דעם זיין שוועסטער סדום אונ אחרן האבין אים באליידיגט פון דעסט וועגין האט ער דאס אוועק גימאכט אונטערין האנד אונ גיקליבין זיא דער זעלבינער פריינד וויא פריער אונ נאך מתפלל גיוועזין איף איר בעת זיא איז גיווארין קצורע, אז השית זאל איר היילין:

היט דעם שלאס פון אייער מויל אונ דעם צוים פון צונג ניט צוא עפענען וואו ניט נייטיג אונ נוצבאר איז, נעמט זיך אין אכט אז דעם טייערין שאין פון ריידין האט דאס גאט געשאנקען דעם מענטשין מהסת זיין גרויס ליבשאפט צוא אים מער וויא צו אלע באשעפענעס פון דר וועלט וואס דורך דעם זאל דר מענטש לערנען חכמות אונ ערקיינען זיין באשעפער, דרום דארף דער מענש זייער שעצין דעם טייערין פריזענט אונ באנוצין אים נור צוא טייערע זאכין, צוא לערנען תורה אונ חכמה אונ דאנקען דעם באשעפער אונ ערהויבין אים. אונ דערציילין זיינע וואונדער, היטט וויא אונ-זיכענד אונ פאר שעמט איז דער מאן וואס פארגייט טמעס אויף שלעכטס אונ פארשכוצט אזא טייערין צירונג, צוא ריידין מיאוסע רייד אדער שקר. רכילות אדער גלאט פוסטע רייד וואס ברייננען ניט קיינע נוצין. דאס איז פון דיא שרעקליכע זינד.

זייט משעבד (מאכט אונטערטעניג) דעם חומר צום שכל (ד. ה. דעם טף צוא דיא נשמה) ווארום די אונטער טעניקייט פון קערפער צום נפש איז דיא וואהרע אונ אכתע פריהייט אויף דיזע וועלט אונ יענע וועלט — דער שכל מיטין קערפער זיינען גליך וויא אריימער מיט זיין פערד (דער חומר איז דיא בהמה אונ דער שכל איז דער רייטער) איז ווען דער רייטער איז דער האר. ער האלט דעם צאם אין האנט אונ קערעוועט דעם פערד וואו מען דארף קומען זיא ביידע לשלום, אבער ווען דער רייטער סאמט שלאפין אונ לאזט ארויס דעם צאם אונ דער פערד ווערט דער האר אונ גייט וואו ער ויל קען קומען פאר שטיין צוא וואס פיר אונגליקן די קסטן ביידע. דער פערד קריכט ארויס פון וועג אין אזוקס אונ דר טרינקען זיך ביידע, דרום זאלט איר האלטען דעם חומר שטארק אין גיצאמט

ניט לאזין ארויס טרעטין איין שריט פון דרך התורה ווארום אז איר
וועט אים איין מאל נאך געבין זיינע תאוות וועט ער וואס ווייטער
וועלין מערער אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואנען ער וועט באגערין
אזעלכע זאכין וואס אונמיגליך אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם
געטליכין טייל אויך (דאס איז דיא נשמה), אבער אז דער שכל
רעגירט אונ האלט איין גיצאמט דיא תאוות אונ דער חומר איז
אונטערטעניג ביין שכל פאר לאנגט ער גאר וואס באדערפטיג אונ
נויטווענדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג אונ פאר האסט דיא
מותרות מיטין לוקסוס. אזוי פאר בריינגט איין זיכין אונ צימליכין
לעבין אונ טרייבט זיך מיטין טויט ווארום דענסטמאל וועט ער ערסט
אן הייבין צוא לעבין איין אייביגין גליקליכין לעבין — עסט נור
מיט דעם גידאנק איר זאלט לעבין (ניט לעבט כדי איר זאלט עסין).
אונ דאס מותרות פאר ווייקט אונ פאר האסט. איר זאלט ניט מיינען
אז דורך אפולע עסין אונ טרינקען וואקסט דער גוף אונ מערט זיך
דער שכל אזוי וויא אזאך וואס מיא פאקט אים אן מערער ווערט
ער דיקער אונ העכער, ניין עס איז גראדע פאר קערט אז מען עסט
ווייניגער (ניט גאנין זאט) האט דער מאגען קרעפטין איין צו האלטין
אין זיך אונ דיא נאטירליכע היץ קען עס פאר דאייען, דענסט
מאל ווערט דער קערפער פולער אונ גיזינטער אונ דיא פארשטאנד
ווערט באזעצטער, אבער אז מיא עסט צוא פיל קען דער מאגען
דאס ניט צו נעמען אונ די נאטירליכע היץ קען דאס ניט פאר דאייען
דער גוף ווערט פאר מאגערט אונ דער שכל ווערט שוואכער אונ
דיא קעסטענע ווערט לידינער. — דריט גיהיט איר זאלט ניט עסין
ביז וואנען פריערינע עסין איז פאר דייט ווארום אז ניט פאר לירט
דאס דעם קערפער מיט דיא קעסטענע. אונ באהיטעט אייך פארין עסין
אונ רוהעט אב נאכין עסין. איר זאלט ניט עסין היילינדיג וויא דיא
הונגער קראנקע, אונ ניט אן שפארין אפולע טויל עסין נאך אנדער
גיטראנק, פאר האסט דיא אכילה וואס זיינען שעדליך הגם זייא
זיינען גישמאק אזוי וויא איינער האט פיינט אגזלן וואס וויל אים
טויטן. עסט ניט אין גאס אזוי וויא אבהמה אונ ניט אלע ביזוט וויא

שרים גיערט אין אם געשטעלטע צייטן און בייא זיך אין שטוב, פאר מיידט זיך צוא עסן אפטער אין געזעלשאפטן, איך זאלט וויסן אז אויף דיא סעודות פון אויפצאמלונגען ווערט ערקענט דיא ערציאונג פון מענטשן צוא ער איז נוט ערצויגן געווארין צוא ניט. אונ אסך מאל האט געטראפין אז איך בין געוועזן איין געלאדין אין אגעזעלשאפט אונ בין געקומען אהיים הונגעריג אונ דארשטיג מחמת פארכט, זעהענדיג דיא שאנד פון דעם צווישען — היט זיך אפ פון שטארקע געטראנקען (וויין, בראנפין, ביר) וואס דאס ערמאדעט פילע אונ שטארקע אונ פאר שעמט דיא גרעסטע מכובדים, אונ מיר געפעלט זייער דיא צוואה פון יונדב בן רכב צוא זיינע קינדער (ירמי' ל"ח) (איין פונקט איז דארטין זייא זאלין ניט טרינקען קיין וויין) נאר איך קען אייך אזוי ווייט ניט פאר זאגין וויל איך האב אייך אזוי ניט איין געוויינט פון קליין וויים אן, נור היט זיך אליין וויא ווייט מעגליך איז, טרינקט ניט גאנץ שטארקע אונ אביסעלע בעת עסן אונ ווייטער ניט, באדיינקט זיך אז ניט אום זיסט האט דיא תורה באשריבין דיא מעשה פון נח (בעת ער איז ארויס פון תיבה אונ געפלאנצט א וויין גארטין אונ זיך איין געשיכערט) וואס עס האט זיך פאסירט מיט אים, דאכט זיך דיא תורה פאר שוינט דעם כבוד פון יעדער באשעפענעם אונ בפרט פון אזא צדיק, נאר דאס איז פון אונזערט וועגין צוא נעמען זיך א מוסר צוא וואס אפילו טרינקען בריינגט, איז דאס ניהא דעם צדיק אז ער איז אביישפיל אונ אלערע פאר דער וועלט היטין זייא פין שלעכטס. —

זייט וויסען אז דיא הוצאה פון מענשין ווערט איין געטיילט אין פיר טייל, א) רוח (פאר דינסט) דהיינו ער גיט אוים געלט אויף כתורה, פון דיא פאר דינסט זאל ער זיך שפייזין אונ דער קען בלייבט, ווערט דאס גירופין רוח, ב) הפסד (פאר לארין) ער גיט אוים געלט אונ דאס ווערט פארלארין ער נעמט פון דעם נאר ניט גארנים, ג) מאוס, ער גיט אוים געלט אונ עס גייט אוועק אין מאוסע זאכין עס איז ניטא אויף וואס צו קוקען, ד) כבוד (ערע) ער גיט אוים געלט אונ האט פון דעם ערע. היינט איז ער מפורש אז בייא

יעדער

יעדער מענשין איז אלע הוצאות אין גיטיילט אין די פיר נאמען
1) רווח (פארדינסט) איז די געלט וואס א מענש גיט אויס אויף
צדקות און גמלות חסדים די פירות פון דעם גיט אים השי"ת אפ
אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט ,
2) היזק , ווערט גירופן וואס מיא גיט אויס אויף שפילעריי דהיינו
קארטין און דאס גלייכין וואס דער מענש פארלירט נאר די געלט ,
דין ידין ערדע און די צייט וואס דיא איז טייערער פון אלץ , און
נאך אפילו ער פארדינט פון דעם איז דאס נאר וויא שפין-וועבס
און ער פאטכט אן ארדישן שולד אויף זיין נשמה . 3) מאוס , ווערט
גירופן די געלט וואס גיט אוועק אויף עסין טרינקען וואס ווערט
פון דעם טאטע זאכין . 4) כבוד , די געלט וואס מען גיט אויס
אויף קליידונג . מיא ווערט דאך באערט מיט דעם , עס באדעקט
די נאקעטע לייב . דרום מיינע ליבע קינדער באקליידט זיך וויא
אייער פארמעגן , עסט און טרינקט הייניגער וויא אייער פארמעגן
גיט זיא צוא לעבין , פאר מאכט די קארטין שפילעריי און טרייבט
אויס פון דיא שפילער . פאר זייט צדקות און גמלות חסדים מער
וויא אייער פארמעגן . — ווען אייך איין גישעפט וואס איר זאלט
קענען לעבין פון אים מיט אייערע יונגינט פרויען און רידט זיך ניט
אן אן אפרעמדע פרויא וואס אסך אונגליקען איז פון דעם ארויס
און נייער פיל דער שלאגענע ניינען פון דיא פרעמדע פרויען, רעכינט
אייך גליך וויא איר נייט אין נחים קאסטין דאס הייסט עס איז נאר
אויף דער וועלט ניטא קיין צווייטע פרויא חוץ אייערע, האט איר
פאר ניט וואס צו טראכטין ארום קיינע , און וויא איר שטעקט
ארויס די קאפ פון אייער תורה (דאס הייסט צוא אנאנדער פרויא)
פאר קלייבט אייך דער מבול. און אפילו מיט אייערע אייגענע פרויען
זאל זיין אין דער צייט און וויא א מענש מעמיד זיין קינדער און
באשטעטיגן די נאטור , די פרויען לוסט איז אזוי וויא אפייער
אז מיא נעמט זיך אויף אים פיל, ווערט מען פאר ברענט , דער
קלוגער טאריקט זיך פון טייטין און רידט זיך אן אים אן צייטין
טיים און איז מקבל פון אים אגרון, צי אויף זיך ניט ארויף די

פרויען

פריידן לוסט, עס קלעקט וואס דער רצון יאגט אליין דעם מענשין־
זייט מכבד אייערע ווייבער ווארום דיא פרויא איז דיא עהרע פון
מאן. איך זאלט ניט אפ לאזין פון מוסערין זייא מיט גוטע ווייכע
רייד, פירין זייא אין גוטין וועג איין פלאנצין אין זייא גוטע זיטען
מיט גוטין כאראקטער ווארום אליין קענען זייא דאך ניט לערנען,
דרום דארפט איר זעהן זייא איין געוואוינען אין גוטע מדות אונ
פרומקייט. אונ לאזט זייא ניט ארויף אז זייא זאלין הערשין אויף
אייך, ווארום דאס שאדעט פאר ביידין, דיא עהרע פון א פרויא
איז וואס מעהר זיין אין איר אייגענע שטוב ניט ארום שאטייען זיך
ווען זייא ווייזין זיך ווייניגער טוען זייא ווייניגער שאדין. אנדעקט
פיר זייא ניט דיא פארבארגענעש פון אייער הארצין וואס איינער
האט אייך עפעס פאר טרויט, (דען איין אשה מיטין מאן זיינען
זייא איין קערפער פון דעסט וועגין אנטקעגין אחד איז דאס פארט
צוויא מענשין אונ ווען צווייא ווייסען איז דאס ניט קיין סוד)
ריכט אייערע קרובים אונ גוטע פריינד מיט אייער גוף אונ מיט
אייער געלט וויא ווייט אייער פארמעגין איז, נאר היט זיך, ניט
צוא דינען זייא מיט אייער נשמה ווארום דאס איז דער חלק
פון השי״ת: